בקיצור. ס'איז געווען אַ לוויה פֿון אַ באַוווּסטן אין אונדזער געגנט שרײַבער. אַ מענטש איז ער געווען אַ גוטער, האָט איבערגעלעבט אַ סך צרות און אַ סך פֿריידן, געקאָנט זײַן פּרינציפּיעל און איבערגעגעבן.

פּרינציפּיעל איז דער שרײַבער געווען ביז אַזאַ מדרגה, אַז ער האָט עפֿנטלעך זיך אָפּגעזאָגט פֿון אַ ווינטערדיק מאַנטל,

— יאַ זשע רוסקים יאַזיקאָם טיעביע גאָוואָריו — פּיאַט רובליי, פּיאַטיאָראָטשקאַ.[6]

זיך אַרומגעקוקט אין אַלע זײַטן און זיך איבערצײַגט, אַז דער ישׂראלי, דער באַלעבאָס פֿון דער סחורה איז ניטאָ דערנעבן, האָט דער פֿעטער איזי אַ שעפּטשע געטאָן דעם זעמליאַק אויפֿן אויער:

— דאַווײַ אָדין שקל אי אומאַטיווײַ[7].

באַטראַכטנדיק אָט די סצענע, האָב איך תּיכּף־ומיד זיך דערמאָנט אין דער ייִדישער בריגאַדע, אין דער אויפֿשריפֿט „פֿרידסעדאַטעל קאָלכאָזאַ“ אויפֿן פֿעטער איזיס וואַטניק, אין די שפּאַסן בנוגע צום אַלטן בעריק, אינעם אומקערן מיר דאָס פֿינפֿערל...

איך בין כּמעט געלאָפֿן צום אַרויסגאַנג. עס האָט נאָר געפֿעלט, אַז אינעם פֿרעמדן לאַנד זאָל עמעצער דערהערן מײַן געוויין.

6 איך זאָג דיר דאָך אויף רוסיש — פֿינף רובל, אַ פֿינפֿערל (רוסיש).

7 גיב איין שקל און טראָג זיך אָפּ (רוסיש).

בײַ אונדז אויף די אויגן, און די מאַמע דײַנע איז אַ טעקסטילשטשיצע, זי איז אויך אַן אונדזעריקע. ער האָט ניט געמעגט... האָסט פֿאַרשטאַנען? — האָט ער שוין זיך געווענדט צו בעריקן, — דו האָסט ניט געמעגט נעמען בײַ אים געלט און גאָר. מיר זײַנען אַ משפּחה, מיר זײַנען אייגענע מענטשן... מיר זײַנען מענטשן...

בעריק דערלאַנגט מיר צוריק דאָס פֿינפֿערל, און בײַ מיר הייבט זיך ניט אויף די האַנט עס צו נעמען. און ריידן האָב איך אויך ניט געקאָנט, ווײַל כ׳האָב מורא געהאַט זיך צעוויינען.

איך געדענק ניט צי זײַנען זיי געווען אויף דער לוויה און צי האָבן מיר געטרונקען אינײנעם אַ שהכּל אין אָנדענק פֿון דער באָבען.

עס זײַנען פֿאַרבײַ אַ סך יאָרן. אויפֿן אַלטן מאַרק אין תּל־אָבֿיבֿ איז בײַ איינער פֿון די טאָמבענק, ווו מע האָט פֿאַרקויפֿט עפּל, געשטאַנען אַ זקן. פֿון צײַט צו צײַט האָט ער אויף אַ ווונדערלעכן מיש־מאַש פֿון רוסיש און העברעיִש אויסגעשריגן דעם פּרײַז און צוגערופֿן קונים:

— יאַבלאָקי, חמש שקל...[4]

עמעצער פֿון רוסיש־שפּראַכיקע קונים האָט איבערגעפֿרעגט:

— פּאָטשאָם יאַבלאָקי?[5]

[4] עפּל, פֿינף שקלים (אַ מיש־מאַש פֿון רוסש און העברעיִש).

[5] וויפֿל קאָסטן די עפּל? (רוסיש).

איך האָב גאָרנישט ניט געהאַט קעגן און געגעבן דאָס געלט. און אין אָוונט פֿון יענעם טאָג איז צו מיר צוגעגאַנגען די גאַנצע ייִדישע בריגאַדע, די אַלע, וועמען איך האָב געהאַט אָנגערופֿן אין אָנהייב. זיי זײַנען צוגעגאַנגען, און עמעצער פֿון זיי אָנגעהויבן אונטערשטופּן צו מיר דעם אַלטן בעריק.

— זאָג, — ווענדנדיק זיך צו בעריקן, האָט שטרענג געזאָגט דער פֿעטער איזי.

— זאָג שוין, — האָט אונטערגעהאַלטן דעם פֿעטער איזין די בריגאַדע.

— סאַשענקע, — האָט געזאָגט בעריק, — איך האָב בײַ דיר אַנטלײַען אַ פֿינפֿערל, איז גיב איך עס דיר אָפּ.

כ'האָב אויפֿריכטיק ניט פֿאַרשטאַנען, וואָס עס קומט פֿאָר דאָ.

— וואָס איז געשען? — האָב איך געפֿרעגט די האָרעפּאַשניקעס, וועלכע האָבן געקוקט אויף מיר מיט אַ מיטגעפֿיל און אויף בעריקן — מיט אַ גרימצאָרן.

— האָט ער גענומען בײַ דיר געלט, סאַשע? — האָט מילד אַ פֿרעג געטאָן דער באַליבטער גוראַלניק.

— האָב איך אים געגעבן אַ פֿינפֿערל איר זאָלט מאַכן אַ שהכּל אין אָנדענק פֿון מײַן באָבען, — האָב איך געענטפֿערט, דערפֿילנדיק, אַז נאָר מיט דעם קאָן מען ראַטעווען בעריקן פֿון דער אַלגעמיינער פֿאַראַכטונג.

— סאַשענקע, ביסט אַן אונדזעריקער, ביסט אויסגעוואַקסן

פֿעטער איזיס עלטערע טאָכטער געווען שוין 32 יאָר אַלט.

אום פֿרילינג 1980 איז געשטאָרבן מײַן באָבע. זי איז געווען זייער אַן אַלטע. אין דעם צוזאַמענהאַנג האָט מען ניט געקאָנט ריידן וועגן דעם, אַז איר פּטירה איז געוואָרן אַן אומדערוואַרטקייט פֿאַר דער משפּחה. אָבער אַ באַליביקער טויט איז טרויעריק און פֿול מיט ווייניק אָנגענעמע כלאָפּאָטן. פֿאַרן שטאַרבן האָט די אַלטע אסתּרקע — אַזוי האָט מען גערופֿן מײַן באָבען — געבעטן ברענגען זי צו קבֿורה אָן מוזיק. לגבי דער טרונע, דעם צוים און דער מצבֿה האָט זי קיין שום אָנווײַזונגען ניט געגעבן. דהיינו אָט די נייטיקע אַטריבוטן פֿון דער קבֿורה האָט מען געדאַרפֿט אויספֿאַרטיקן און אויספֿאַרטיקן, נאַטירלעך, אין צעך. און ווו נאָך? פֿריִער איז אַלץ געווען פּראָסטער און ביליקער, באַזונדערס אויב דו האָסט געאַרבעט אין אַזאַ קאָלעקטיוו ווי די עקספּערימענטאַל־מעכאַנישע וואַרשטאַטן פֿון דער ביראָבידזשאַנער ניי־פֿאַבריק. דווקא דאָרט האָב איך געאַרבעט ווי אַ טאָקער לעבן דער ייִדישער שלאָסערס־בריגאַדע. דער צעך־מײַסטער יעקבֿ ראַבינאָוויטש האָט געגעבן אַ קאָמאַנדע צוויי בריגאַדעס, איינע פֿון וועלכע איז געווען די ייִדישע, אויספֿאַרטיקן דעם צוים און די מצבֿה. אַלץ האָט מען געמאַכט גיך. און סוף טאָג איז צו מיר צוגעגאַנגען דער אַלטער בעריק:

— סאַשענקע, מ׳וואָלט געדאַרפֿט אַ פּינפֿערל כדי באַדאַנקען די מענטשן. זיי האָבן צוינויפֿגעשווייסט דעם צוים.

קאָלכאָזאַ"[2]. אַזוי פֿלעגט מען אים רופֿן, ווײַל אינעם פּעריאָד פֿון לאַנדווירטשאַפֿטלעכע אַרבעטן פֿלעגט מען איסאַק שליאָמאָוויטשן, דאָס הייסט, דעם פֿעטער איזי, שיקן אין קאָמאַנדירונג אינעם קאָלווירט, וואָס איז געווען אונטער דער השגחה פֿון דער ניי־פֿאַבריק. דאָרט פֿלעג ער פֿון פֿרילינג ביז האַרבסט אָנפֿירן מיט צוגעשיקטע אַרבעטער פֿון דער פֿאַבריק. ער האָט צערטלעך ליב געהאַט זײַן ווײַב און געשריבן איר לידער. איינס פֿון די באַדײַטנדיקסטע לידער זײַנע איז ווערט מע זאָל עס ציטירן. נינע גריגאָריעוונע, דעם פֿעטער איזיס ווײַב, איז געקומען פֿון דער אַרבעט און האָט געפֿונען אַ צעטל אויפֿן קיך־טיש: "דאָראָגאַיאַ מאָיאַ נינאַ, יאַ אושאָל וו מאַגאַזיניע. ניע אָביזשײַסיאַ, דאָראָגאַיאַ, טשטאָ יאַ טאַק ליובליו טיעביאַ"[3]. ווער ס'וועט זאָגן, אַז דאָס איז ניט קיין וווּנדערלעך ליד, פֿאַרשטייט בכלל גאָרנישט אין דער עכטער דיכטונג.

אינעם פֿעטער איזי האָבן קאָעקזיסטירט אַן אויפֿריכטיקע פֿרײַגעביקייט מיט אַן איבערגעטריבענער שפּאָרזאַמקייט. פֿאַר אים איז געווען אַ טראַגעדיע די ידיעה, אַז דאָס ווײַב האָט אַרויסגעוואָרפֿן זײַן חתונה־אָנצוג. אין יענער צײַט איז דעם

[2] «פֿאָרזיצער פֿון קאָלווירט» מיט אַ שרײַבפֿעלער (רוסיש).

[3] מײַן טײַערע נינע, איך בין אַוועק אין קראָם. האָב ניט קיין פֿאַריבל, טײַערע, וואָס איך האָב דיך אַזוי ליב (רוסיש מיט אַ גרײַז).



האָסטו גענומען אַזאַ גוט גאָלמעסערל, זאָג מיר די מאַרקע?

— דאָס איז די מאַרקע ״בערציק״, — האָט שטאָלץ געענטפֿערט דער פֿעטער איזי, — און מיט וואָס איז עס דיר אַזוי געפֿעלן געוואָרן?

— דאָס ערשטע מאָל אין מײַן לעבן, — האָט געענטפֿערט בעריק, — גאָל איך זיך מיט אַזאַ גאָלמעסערל. איך פֿיל ניט אפֿילו, ווי איך גאָל זיך. ווען איך וועל באַקומען די קוואַרטאַלאָטשקע[1], וועל איך בעטן שׂרהטשקען זי זאָל מיר קויפֿן ״בערציק״.

— טו אַ פּרוּוו אַראָפּנעמען פֿון דעם דאָס פּלאַסטיק־דעקל, און דו וועסט אַלץ דערפֿילן. און ווען דו וועסט באַקומען די קוואַרטאַלאָטשקע, — האָט שטעכלדיק אַרײַנגעזאָגט דער פֿעטער איזי, — בעט שׂרהטשקען קויפֿן דיר אויף אַ מערקל אַ ביסעלע שׂכל.

דעם פֿעפֿער איזי האָט מען ניט געהאַלטן פֿאַרן גרעסטן קאַטאָוועס־טרײַבער פֿון דער ייִדישער בריגאַדע, אָבער רעדן וועגן אים אָן אַ שמייכל קאָן בלויז אַזאַ מענטש, וואָס איז בכלל ניט פֿעיִק צו שמייכלען. עפּטער פֿון אַלץ דערמאָן איך זיך, ווי ער טראָגט מיט שטאָלץ איבערן צעך זײַן קליינע פֿיגור אין אַ פֿאַרשמאָלצעוועטן וואַטניק, אויף וועלכן ס׳איז פֿון הינטן אָנגעשריבן געווען מיט קרייד ״פּרעדסידאַטעל

---

[1] דאָ — אַ קוואַרטאַל־פּרעמיע.

איידער מע שליסט איַין ווערקשטעלן.

— אין דער פּרי, ווי געוויינלעך, — האָט מיטגעטיילט עמעצן דער אַלטער בעריק, האָב איך אויפֿגעוועקט שׂרהטשקען און געמאַכט מיַינע מאַנצבלשע ענינים. דערנאָך האָב איך אָפּגעפּרישטיקט מיט אַ בוטערבראָדיקל און געלאָזט זיך אַהער. וואָס זאָל מען טאָן?

— בעריק, ס'איז שווער צו גלייבן, אַז דו קענסט נאָך אין דער פּרי מאַכן מיט שׂרהטשקען דיַינע מאַנצבלשע ענינים.

— און וואָס איז דאָ אַזוינס? געמומען די פּאָמיניצע און אַרויסגעטראָגן אין דר'אויסן.

בעריק איז געווען אויף ניט איבערצוחזרן. אַלץ האָט אין זיַין היים באַשלאָסן שׂרהטשקע. יעדנפֿאַלס אַזוי האָט מען געהאַלטן אין דער בריגאַטע. דערפֿאַר, אויב בעריק, וועלכער איז געקומען אויף אַ חודש אין קאָלווירט אויף לאַנדווירטשאַפֿטלעכע אַרבעטן, האָט ניט געהאַט מיט זיך קיין עלעקטריש גאָלמעסער, הייסט עס, אַז "עס האָט עס אין זיַין רוקזעקל ניט געלייגט שׂרהטשקע".

— איזיטשקע, — האָט ער געבעטן דעם פֿעטער איזי יאַרמאַרקאָוו, — וועסט מיר ניט געבן דיַין גאָלמעסערל, וויַיל מיַין גאָלמעסערל האָט שׂרהטשקע ניט געלייגט אינעם רוקזעקל.

דערנאָך האָט ער מיט פֿאַרגעניגן זיך געגאָלט מיט אַ פֿרעמד עלעקטריש מעסער, זאָגנדיק דערביַי: איזיטשקע, ווו

# די ייִדישע בריגאַדע

די בריגאַדע האָט מען גערופֿן אַ ייִדישע כּלל ניט דערפֿאַר, וואָס אין איר האָבן געאַרבעט ייִדן. דאָס איז געווען אַ קאָלעקטיוו פֿון צוקונפֿט, פֿון דער ליכטיקער צוקונפֿט פֿונעם סאָציאַליזם, וועלכער האָט געזיגט אונדז אַלעמען. די צוקונפֿט האָט זיך פֿאָרגעשטעלט אַ פֿריילעכע, ווי די גאַנצע ייִדישע בריגאַדע, אַ מונטערע, ווי גרישע סיגאַלאָוויטש, אַ גוטהאַרציקע, ווי אַרקאַשע גוראַלניק, אַ קלוגשאַפֿטלעכע, ווי איזי טוראָק, אַן אומפֿאַרדאגהטע ווי דער אַלטער בעריק. און יעדער פֿון זיי איז געווען אוניקאַל און האָט געבראַכט זײַן בײַטראָג ניט בלויז אינעם זיג פֿון דער סאַמע סאָציאַליסטישער פֿאַרמעסטונג פֿון אונדזער שטאָט, נאָר אויך אינעם פֿאָרמירן אַ גוטע שטימונג בײַ דעם גאַנצן אינטערנאַציאָנאַלן פֿאַבריק־עולם. אַלץ פֿלעג זיך אָנהייבן בײַם רייכערן אין דער פֿרי, נאָך

אין איין רגע איז דאָס גאַנצע הויז לויטן אַדרעס: עגנון־גאַס, 3, זיך צעטיילט אויף צווייען. יענע, וואָס האָבן זיך נאָך ניט געלייגט שלאָפֿן, ווײַל זיי האָבן געהערט דעם אַלטן מאיר, און יענע, וואָס האָבן זיך אויפֿגעוועקט פֿון דעם, ווי עס האָבן געלאַכט יענע, וואָס זײַנען נאָך ניט אַנטשלאָפֿן געוואָרן.

זיי זײַנען זיך צעגאַנגען איבער זייערע דירות אומוויליק. אַלע אָן אַן אויסנאַם זײַנען זיי געווען פּענסיאָנערן, זיי האָבן ניט געהאַט וווּ צו אײַלן זיך, זיי זײַנען דאַנקבאַר געווען דער פֿאַרגאַנגענהייט פֿאַר אַ שמייכל און דער צוקונפֿט פֿאַר דעם, אַז, ס׳קען זײַן, שוין מאָרגן וועט דער זיידע מאיר אָדער די מאַמע מײַנע דערציילן נאָך עפּעס, און ס׳וועט טאַקע זײַן וואָס צו באַהאַנדלען אויף דער באַנק בײַם אַרײַנגאַנג.

האָב איך זיך דערשראָקן. וואָס זאָל איך אײַך זאָגן?! אָבער אַנטלויפֿן איז ניטאָ וווּ, זיי זײַנען דרײַצן מענטשן, ריזיקע מוזשיקן, בײַ זיי איז אַ שלעכטע שטימונג. זיי שפּאַסן ניט.

האָב איך ניט וואָס צו פֿאַרלירן, איז זאָג איך:

וועמען פֿון אײַך האָב איך געזאָגט, אַז מע וועט געבן אין דער קאַסע געלט?

אונדז, — האָט געזאָגט דער בריגאַדיר און אָנגעוויזן אויף נאָך פֿיר שלימזלען.

איז האָב איך אָפּגענאַרט פֿינף מענטשן, און שלאָגן מיך קלײַבן זיך דרײַצן. די איבעריקע אַכט האָב איך גאָרנישט געזאָגט.

נאָך דעם זײַנען אַכט מענטשן אָפּגעגאַנגען אין אַ זײַט, אויף רעכטס צי אויף לינקס, געדענק איך ניט.

וואָס איז שייך צו אײַך, — האָב איך פֿאָרגעזעצט, איז דערמאָנט זיך, וועגן וואָס האָט דער בריגאַדיר מיך געבעטן.

די מוזשיקן האָבן זיך איבערגעקוקט, און עמעצער האָט געזאָגט:

סעמיאָן, דו האָסט דאָך אים אַליין געבעטן זאָגן עפּעס אַ ליגן.

נו, איז האָב איך טאַקע דאָס געטאָן, — האָב איך אונטערגעצויגן אַ סך־הכּל פֿונעם געשפּרעך. — און איר זײַט נאָך ניט צופֿרידן.

ווײַל מיר האָט אפֿילו ניט געקאָנט קומען אויפֿן זינען, וואָס האָט געקאָנט פּאַסירן בשעת איך בין אַרומגעגאַנגען איבער די קאַבינעטן.

— האָסטו געזען דעם באַפֿעל אויפֿן מעלדונגען־טאָוול? — פֿרעגט דער בריגאַדיר.

קיין שום באַפֿעל האָב איך ניט געזען, — ענטפֿער איך.

איז גיי לייען איבער און דו וועסט זיך דערוויסן, פֿאַרוואָס וועלן מיר דיר מזיקן די מאָרדע.

זע איך, אַז ער שפּאַסט ניט, און איך זאָג:

אפֿשר וועט איר מיר טאַקע אַליין דערציילן, ווײַל מיר איז ווײַט צו גיין אין מײַן צעך נאָך די ברילן.

און זיי האָבן מיר דערציילט, אַז דער נאַטשאַלניק פֿון או.־עם.־ער. האָט גענומען די רשימה, וועלכע זיי האָבן אָנגעשריבן מיט זייערע אייגענע הענט, געבראַכט זי אין קאַדרען־אָפּטיילונג און געהייסן צוגרייטן דרינגנד אַ באַפֿעל וועגן באַשטראָפֿן די אַלע דרײַצן מענטשן, וועלכע האָבן אין אַרבעטס־צײַט זיך אַרומגעדרייט אָן אַ געהעריקער סיבה בײַ דער קאַסע. די נאַטשאַלניצע פֿון דער קאַדרען־אָפּטיילונג האָט אַלץ געמאַכט גיך. קיינער האָט אפֿילו ניט באַוויזן אַ קוק צו טאָן אויפֿן זייגער, ווי ער האָט פֿאַרלאָרן זײַן פּרעמיע־געלט.

דו האָסט אונדז געזאָגט וועגן דעם געהאַלט? — פֿרעגט דער בריגאַדיר.

אין דער קאָנטאָר. גיי איך פֿונעם בוכהאַלטערס קאַבינעט אַרויס אין קאָרידאָר און איך הער קולות פֿונעם נאַטשאַלניק פֿון או.־עם.־ער. און פֿונעם בריגאַדיר סעמיאָן.

וואָס שטייט איר דאָ? — פֿרעגט דער נאַטשאַלניק.

מיר שטייען דאָ, — ענטפֿערט דער בריגאַדיר, — ווײַל מיר האָבן פֿאַרנומען די ריי אין קאַסע. מאיר האָט געזאָגט, אַז הײַנט וועט זײַן דאָס געלט און אַז אויף אַלעמען וועט עס ניט קלעקן.

איז צו וואָס דאַרף מען זיך קוועטשן לעבן דער קאַסע? — זאָגט דער נאַטשאַלניק, — מע דאַרף צונויפֿשטעלן אַ רשימה פֿון יענע, ווער עס האָבן די ערשטע פֿאַרנומען די ריי, אַרײַנטראָגן די רשימה צו מיר, און איך וועל שטעלן מײַן רעזאָלוציע. דאָס געלט וועלן אַלע באַקומען רעכטצײַטיק.

ווײַטער הער איך: אַ סאַמאַטאָכע. איינער בעט אַ בלאַט פּאַפּיר, איינער נעמט אַרויס אַ הענטלפּען. אַלע אײַלן זיך. איך אײַל זיך אויך, איך האָב אַרבעט. בין אין אַרײַן לייזן פֿראַגן אין איין קאַבינעט, אינעם צווייטן, גיי איך אַרויס און ... נאַ דיר.

גלײַך בײַם אַרויסגאַנג שטייען בוכשטעבלעך דרײַצן מענטשן, און אַלע וואַרטן צוליב עפּעס אַ סיבה דווקא אויף מיר.

מאיר, מיר וואַרטן אויף דיר, — זאָגט דער בריגאַדיר.

נו, איז בין איך דאָ, און וואָס איז געשען? — פֿרעג איך,



ווי גייט עס?" —"ס'וועט זײַן גוט!". גיי איך. פֿינף מוזשיקן רעמאָנטירן אַ טראַקטאָר טע-150. אַ גרויסער טראַקטאָר. בראָש פֿון זיי איז סעמיאָן. ער איז אַ קאַפּעלע קלענער פֿונעם טראַקטאָר. און אין דער בריגאַדע זײַנען אַלע מוזשיקן געגליכן צו אים. וואַרשײַנלעך, האָבן זיי אַלע מיט וואָס זיך צו פֿאַרנעמען. און ווי זשע קען זײַן אַנדערש?

מאיר, — זאָגט מיר סעמיאָן, — נו־קאַ קום צו אונדז, זאָג עפּעס אַ ליגן.

כ'האָב ניט קיין צײַט, - ענטפֿער איך אים, — איך אײַל זיך אין קאָנטאָר.

וואָס האָסטו פֿון דער פֿרי פֿאַרגעסן אין קאָנטאָר, מאיר?

— באַרויִקט זיך ניט סעמיאָן. איר דאַרפֿט דאָך פֿאַרשטיין, אַז אים ווילט זיך שטאַרק כאַפּן אַ שמועס.

איך וויל באַווײַזן פֿאַרנעמען די ריי נאָכן געהאַלט. מע האָט עס באַשלאָסן אויסגעבן אויף צוויי טעג פֿריִער. אָבער הײַנט קען דאָס געלט פֿאַר אַלעמען ניט קלעקן.

דאָס אַלץ האָב איך אים געזאָגט גלײַך ווי דרך־אגבֿ, אָבער איך זע: ער גייט מיר נאָך און טרעט ניט אָפּ. מע דאַרף אָפּגעבן דעם כּבֿוד זײַנע טאַטע־מאַמע. טאַקע אַלץ איז בײַ אים דאָ: דער ווווקס — כמעט צוויי מעטער, די פּלייצעס — אַ קאַפּעלע שמאָלער פֿון זײַן טראַקטאָר טע-150. ער יאָגט מיך איבער און, שוין גאָרנישט ניט פֿרעגנדיק, גייט פֿאָרויס.

איך געדענקט שוין ניט, וואָס פֿאַר אַן ענין האָב איך געהאַט

״טײַערע מײַנע, ווי נאַרן מיר זיך אָפּ צומאָל אינעם אָפּשאַצן מענטשן, זיך באַמיִענדיק זײַן מיט זיי אויפֿריכטיק, ווערלנדיק באַציִיטנס זאָגן זיי עפּעס האַרציקס, דערציילן ווענן עפּעס. איך ווייס?! אָנשטאָט באַדאַנקען הייבן זיי אָן זידלען דיך מיט ניט שיינע רוסישע ווערטער, וועלכע האָבן צו דיר קיין שום שייכות ניט. וואָס טוסטו אין ענטפֿער? ריכטיק. דו הייבסט אָן אַנטשפּרעכן דער געגעבענער דיר כאַראַקטעריסטיק כּדי די קליימע זאָל כאָטשבי הענגען ניט אומזיסט. אַזוי צומאָל זײַנען פֿרויען ניט געטרײַ זייערע מענער, ווײַל די מענער אייפֿערן זיי און וואַרפֿן זיי אויף זייער ניט־געטרײַקייט.

איז אָט, אין אָנהייב פֿון די נײַנציקער יאָרן האָב איך געאַרבעט אין אַן אָרגאַניזאַציע, וועלכע הייסט או.־עמ.־ער. ס'איז שווער צו גלייבן, אַז אײַך אינטערעסירט דאָס, אָבער דאָס איז ראָשי־תּבֿות פֿון אופּראַוולעניע מעכאַניזיראָוואַניך ראַבאָט[1]. בײַ אונדז איז געווען אַ גרויסע באַזע מיט טעכניק, אָבער אָט די טעכטיק האָט קיין שום שייכות ניט צו דעם, וואָס איך וועל אײַך דערציילן. גיי איך מיר איין מאָל איבער דער טעריטאָריע פֿון דער באַזע און איך גריס, פֿאַרשטייט זיך, אַלעמען, ווער עס גייט מיר אַקעגן. זאָג איך צו זיי: ״זדראַסטוויטיע![2]״ און זיי — צו מיר: ״דאָברי דען״[3]. ״מאיר,

[1] פֿאַרוואַלטונג פֿאַר מעכאַניזירטע אַרבעטן (רוסיש).

[2] זײַט געגריסט (רוסיש).

[3] ״אַ גוטן טאָג״ (רוסיש).

ווינט שוין ניט אין יענעם אַרײַנגאַנג. און ס'איז אַ שאָד. דאָס איז גאָר אַ מערקווירדיקער אַרײַנגאַנג! ס'איז גענוג, אַז דאָרט האָט געווינט די מאַמע, און אפֿשר ביז הײַנט־צו־טאָג ווינט מאַיר.

ווען מאיר פֿלעג אַרײַקומען אין דעם אַרײַנגאַנג, פֿלעג זיך דאַכטן, אַז די טיר איז אומגעוויינלעך הויך: דעם זקנס וווּקסק איז געווען קוים העכער פֿון איין מעטער פֿופֿציק סאַנטימעטער. אָבער וואָס אַרט אונדז בכלל, ווי עס האָט אויסגעזען מאיר? הלוואי איר זאָלט אין אײַער "איבער אַכציק" אויסזען אַזוי ווי ער. און איך וועל אײַך זאָגן נאָך, אַז מאיר האָט שטאַרק טרויעריק געוואָרן, ווען אים — נאַטירלעך, צוליב זײַן עלטער — האָט מען ניט גענומען אַרבעטן אויף אַ בויונג. מאיר, וועלכער האָט געוווּסט וועגן בויונג אַלץ און געקענט אַלץ, האָט זייער געוואָלט אַרבעטן, און אים האָט מען ניט גענומען. ווער וועט מיר זאָגן נאָך דעם, אַז אַלע ייִדן זײַנען קלוג?!

און אויב אויף בנאמנות, וועגן דעם, וואָס פֿאַר אַ בויער מאיר איז, ווייס איך פֿון זײַנע אייגענע ווערטער. אָבער דער עיקר איז ניט דאָס, נאָר יענץ, וואָס פֿאַר אַ דערציילער מאיר איז. דווקא וועגן דעם ווייס איך פּינקטלעך און איך וויל אײַך דערציילן. אָבער וויִאַזוי קאָן מען באַווײַזן אַ דערציילער? נו, אפֿשר נאָר אַ פּרווו צו טאָן עפּעס אײַך דערציילן מיט זײַנע ווערטער. אָט איז, למשל, פֿון קלאַסיק...

# דער זיידע מאיר

קיינמאָל — הערט איר מיך?! — קיינמאָל איז דער זיידע מאיר ניט געווען קיין פּלאַפּלער און האָט ניט גערעדט וועגן דעם, וואָס ער ווייסט ניט! און ווער עס האָט זיך דערלויבט אויסדריקן אַ ספֿק אין דעם, האָט זייער באַדויערט, אַז אַזוינס איז מיט אים געשען.

דער זיידע מאיר איז געווען מײַן מאַמעס אַ שכן אינעם הויז לויטן אַדרעס: עגנון־גאַס, 3, די שטאָט נצרת־עילית, מדינת־ישׂראל. פֿאַרוואָס געווען? ווײַל די מאַמע איז שוין אַ סך יאָרן ניטאָ צווישן די לעבעדיקע, און איך ווייס ניט, צי מאיר לעבט נאָך. איך וואָלט אוודאי געקאָנט זאָגן, אַז מאיר איז אויך איצט מײַן מאַמעס שכן. הייסט עס, אַז ער וווינט אינעם זעלבן הויז און אינעם זעלבן אַרײַנגאַנג, נאָר אויף איין שטאָק העכער. אָבער דאָס וועט זײַן ניט ריכטיק: די מאַמע

פּאַסירן, ווען איך וואָלט ניט פֿאַרפֿינקטלעכט בײַ סאַשקען אייניקע פּרטים פֿון זײַן ייִחוס, און מיר איז געוואָרן שלעכט. איך האָב אויסגעטרונקען נאָך קאָניאַק און אַ טראַכט געטאָן, אַז עס ווײַזט זיך אויס, אַז אין אונדזער פּאָליציי־פֿאַרוואַלטונג אַרבעטן, חוץ מיר, נאָך צוויי ייִדן — סאַשקע און זײַן פֿאָטער, דער פּאָדפּאָלקאָווניק אַפֿאַנאַסיעוו, און מיר איז געוואָרן גוט.

זייער גוט.

איך האָב אַמאָל באַמערקט: כּדי קאַליע מאַכן עמעצן די שטימונג, איז ניט אָבליגאַטאָריש זײַן אַ שלעכטער מענטש. די שטימונג מאַכן קאַליע געוויינלעך ניט מענטשן, נאָר אומשטענדן. מע קאָן אַ גאַנצע ארבעט ווידמענען דעם ענין, אָבער איך וועל עס ניט טאָן. דער טאָג איז געווען אַ שלעכטער, ווײַל די נאַכט איז געווען אַ טרויעריקע. עס האָט אָנגעקלונגען פֿון תּל־אָבֿיבֿ מײַן פֿרײַנד אַליק יאַרמאַרקאָוו און מיטגעטיילט, אַז ס׳איז געשטאָרבן זײַן מאַמע, נינע זײַטשיק. זי איז פֿאַר מיר געווען זייער אַ נאָענטער מענטש, און איך האָב זי גערופֿן אויף ייִדיש "מאָמעלע". דערנאָך זײַנען געווען בייזע חלומות... די אַרבעט איז ניט געגאַנגען. כ׳מיין, אַז קיינער פֿון מײַנע קאָלעגן האָט ניט דערזען אין יענעם טאָג קיין אָנפֿירער פֿון קרימינאַליסטיק־אָפּטייל — זיי האָבן געזען אַן אַלטן קראַנקן ייִדן, וועלכער איז מיד געוואָרן שוין אין אָנהייב פֿונעם טאָג. האָב איך אויסגעטרונקען ביחידות קאַווע מיט קאָניאַק. ס׳איז געווען מער קאָניאַק איידער קאַווע. אין מײַנע מחשבֿות האָב איך זיך אומגעקערט אין דער אַלטער הײַזערקע אין אַ פֿאַרוואָרפֿענעם תּל־אָבֿיבֿער קוואַרטאַל און געזען דאָס מאָמעלע נינע און זיך דערמאָנט, אַז אויף מײַן בקשה דערוואַרטן זיך אויף מיר נאָך אַ מאָל האָט זי געענטפֿערט — איך זאָג עס ניט צו. געוויינלעך פֿלעג דאָס מאָמעלע ענטפֿערן, אַז זי וועט זיך באַמיִען...

איך האָב זיך פּלוצעם פֿאָרגעשטעלט, וואָס וואָלט געקאָנט

האָב איך אײַך דאָך וועגן דעם אַלץ שוין דערציילט...

— איז וואָס האָבן דיר די ייִדן געטאָן שלעכטס? — האָב איך געפֿרעגט מיט אַ טרויער, אין וועלכן ס׳איז געווען אַלץ, וואָס איך האָב שוין איבערגעלעבט, און נאָך יענץ, וואָס איך וועל נאָך באַדאַרפֿן איבערלעבן.

— זיי האָבן מיך געבאָרן, — האָט פּלוצעם געענטפֿערט סאַשקע, און דער פֿאָטעל האָט אונטער מיר אַ וואַקל געטאָן, ווי פֿון אַן ערדציטערניש אין פֿינף באַלן.

— וואָס הייסט — געבאָרן? האָב איך איבערגעפֿרעגט, ווײַל דאָס דערהערטע האָט מיך אַראָפּגעשטופּט פֿונעם פֿינפֿטן שטאָק.

— געוויינלעך, ווי אַלע האָבן קינדער, אַזוי אויך די ייִדן.

— אינעם קאַבינעט איז געוואָרן צוליב עפּעס הייס.

ווער פֿון דײַנע קרובֿים איז אַ ייִד? — האָב איך פֿאַרפֿינקטלעכט.

— די באָבע פֿונעם טאַטנס צד.

הייסט עס, אַז דײַן פֿאָטער, אַפֿאַנאַסיעוו אַנדריי אַלעקסאַנדראָוויטש איז אַ ייִד?

אַ האַלבער ייִד, אָבער אמת געזאָגט, בין איך אין דעם אַ קנאַפּער מבֿין. דערלויבט מיר גיין, חבֿר פֿאָלקאָווניק, - האָט, אויף אַ קאַפּעלע ניט געענדערט זײַן טרויעריקע אינטאָנאַציע, געזאָגט סאַשקע. און באַקומען מײַן דערלויבעניש, האָט ער זיך געלאָזט צום אַרויסגאַנג פֿונעם קאַבינעט.


ДЕЛО

מיט אַן אינטאָנאַציע מרמז געווען אויף אַ נעגאַטיוו אינהאַלט פֿונעם וואָרט ייִד, האָט ער ריזיקירט מיט זײַן געזונט אינעם פֿולן און אינעם פֿיגורעלן זין.

און פֿאַרוואָס, וועט איר פֿרעגן. איז וועל איך אײַך זאָגן: וועסט באַקומען פּראָבלעמען אויפֿן פּנים פֿריִער, איידער דו וועסט באַווײַזן זיך אַנטשולדיקן. און וואָס האָט איר געמיינט? דאָס איז יענץ, וואָס איז שייך צו בירעבידזשאַן.

די צווייטע זײַט פֿון דער מעדאַל איז געווען גאָר ניט גלענצנדיק. זי האָט געהאַט אַ באַדעקונג, וואָס האָט דערמאָנט אַ ראַשפּיל. דאָס איז געווען דער ווייטיק פֿון דורכגעלייענטע ביכער וועגן דעם ייִדן־חורבן — האָב איך איבער עפּעס גלײַך אַ טראַכט געטאָן וועגן אַנאַטאָלי ריבאַקאָווס ראָמאַן „דער שווערער זאַמד“. סוף־כּל־סוף האָט דער ווייטיק געשקריאַבעט איבערן האַרצן, דערמאָנענדיק וועגן טעמפּע אַנטיסעמיטישע באַליידיקונגען און קלעפּ, וועלכע מיר איז אויסגעקומען איבערלעבן אין סטראָיבאַט...

דאָס אַלץ האָב איך איבערגעלעבט במשך פֿון אַ חלק פֿון סעקונדע, גלײַך ווי אַ מענטש לעבט איבער דאָס גאַנצע לעבן בײַם דערפֿילן, אַז זײַן טויט איז נאָענט. און נאָך האָב איך זיך פּלוצעם פֿאָרגעשטעלט, וואָס וועל איך טאָן מיט דעם קליינעם אויסוווּרף פֿאַר זײַנע אַנטיסעמיטישע, ווי עס האָט זיך מיר געדאַכט, ווערטער...

דער טאָג איז געווען אַ שלעכטער, די שטימונג איז געווען...

אונדז אָפּ פֿון געליבטע פֿרויען, מע שלעפּט אונדז אַרויס פֿון רעסטאָראַנען אומאָפּהענגיק פֿון אַ גראַפֿיק. ווען־ניט־איז וועסטו באַקומען פֿאַר דעם אַ מעדאַל, אויב דו וועסט זיך אײַנהאַלטן ביז יענער צײַט אוודאי.

— איך האָב פֿאַרשטאַנען, — האָט טרויעריק געזאָגט סאַקשע. — איך וועל אַלץ טאָן. אָבער פֿאַרוואָס ס'איז אומעטום ווי בײַ לײַט און בײַ אונדז... איז אַלץ אויף אַ ייִדישן אופֿן.

לייענער, איך וועל זיך אָפּשטעלן אויף דעם דאָזיקן אָרט. איך בין פּשוט געצוווּנגען זיך אָפּשטעלן כּדי איבערכאַפּן דעם אָטעם. פּונקט אַזוי, ווי אין יענעם מאָמענט, ווען איך האָב דערהערט דעם אויסדרוק "אַלץ אויף אַ ייִדישן אופֿן". כ'וועל דערמאָנען פֿאַר די, וואָס האָבן ניט אויפֿמערקזאַם געלייענט דעם ערשטן טייל.

...דער טאָג איז געווען אַ שלעכטער און די שטימונג איז געווען אַן אַנטשפּרעכיקע, און דאָ נאַ דיר נאָך אָט דער בחורעץ... איצט קאָן יעדער איינדער דערלויבן זיך אַזאַ אויסדרוק. עמעצער וועט אונטערהאַלטן, עמעצער וועט אַ שמייכל טאָן און עמעצער וועט כּלל ניט לייגן קיין אַכטונג אויף דעם, וואָס איז געזאָגט געוואָרן. אין מײַן קינדהייט איז דאָס געווען אַנדערש. צום וואָרט "ייִד" האָט מען אין ביראָבידזשאַן זיך באַצויגן מיט אַ טיפֿן, ווי דער טײַך בירע אין יענע יאָרן, דרך־ארץ. און אויב אַ מיטשמועסער האָט כאָטשבי

אָפּוועזנד דער פֿאָרשער, וועלכער איז אַוועקגעפֿאָרן, און דער קרימינאַלער עניין ליגט אין אַ סייף — עפֿענען אים וועט קיינער ניט דערלויבן.

פֿון וואָס האָב איך דאָך אָנגעהויבן — פֿון דעם, אַז דער טאָג איז געווען אַ שלעכטער. דער אויספֿאָרשער, וועלכן מע האָט פֿאַרטרויט די אַרבעט אָנשטאָט דעם אַוועקגעפֿאָרענעם, איז אַ יונגער און שוין אַ קאַפּעלע נערוועזער. די אויגן זײַנען אַ פֿאַרקערפּערונג פֿון טרויער פֿונעם גאַנצן ייִדישן פֿאָלק, אַן אַלוועלטלעכע מידקייט און אַ פֿולע אָפּוועזנהייט פֿון אַ וועלכן־ניט־איז ווילן זיך פֿאַנאַנדערקלײַבן אין אַ פֿרעמדן עניין. צוליב וואָס? צו דער נאַכט וועט זיך אומקערן זײַן קאָלעגע, און די גאַנצע אַרבעט איז אַ מתּנה דעם קאָלעגע. און דאָס איז אין יענער צײַט, ווען אייגענע ענינים זײַנען פֿאַראַן איבערן קאָפּ. סאַשקע — אַ סימפּאַטיש קינד מיט אַ רוסישן פֿאַמיליע־נאָמען - האָט נאָכן אינסטרוקטאַזש אַ קרעכץ געטאָן אַזוי, גלײַך ווי אים האָט מען ניט קיין אַרבעט פֿאַרטרויט, נאָר געשטעלט אַ קליזמע מיט מעטאַלענער סטרוזשקע.

— סאַשענקע, בײַ אונדז מיט דיר איז די אַרבעט אַ הוילע אומפֿאָרויסגעזאָגטקייט. בלויז צוגן גייען לויט אַ גראַפֿיק, אין וועלכן ס׳איז פּינקטלעך באַצייכנט דאָס אָרט און די צײַט פֿונעם אָנקומען. און מיר האָבן ניט קיין לוקסוס, וואָס הייסט באַשטענדיקייט. מע וועקט אונדז אויף בײַנאַכט, מע רײַסט

# אַלץ אויף אַ ייִדישן אופֿן

...דער טאָג איז געווען אַ שלעכטער, און בלויז זייער אַ גוטע בשׂורה האָט געקאָנט ברענגען אין אַ נאָרמע בעסער פֿון באַליביקער קאַווע צי קאָניאַק. דער אייבערשטער (אין אַזעלכע פֿאַלן באַדאַנקען דווקא אים אפֿילו ניט גלייביקע) האָט געהאַט אויף מיר רחמנות.

אַ טעלעפֿאָן־קלונג פֿונעם נאַטשאַלניק פֿון דער געגנטלעכער פּאָליציי האָט אויפֿגעטרייסטלט און געצווונגען אַרבעטן. איגאָר סאַביראָוויטש האָט מיטגעטיילט, אַז איינער פֿון די מאָרדן, אַ פֿרעכער און כמעט אַן האָפֿענונגסלאָזער, איז געגאַנגען אויף אויפֿדעקונג. דאָס הייסט, אַז מע מוז דריגנד אָרגאַניזירן די אַרבעט פֿונעם אויספֿאָרשער, דערלאַנגען אים הילף... הקיצור, מאַכן יענץ, פֿאַרוואָס מע צאָלט מיר שוין דרײַסיק יאָר דאָס געהאַלט. און אַלץ איז גוט, אָבער ס'איז

פֿון דער ניי־פֿאַבריק, ווו ער האָט געאַרבעט אַלס טאָקער. איך בין אַריבערגעפֿאָרן אין אַן אַנדערן טייל פֿון אונדזער פּרעכטיקער שטאָט און וועגן דעם אָנקל מישעס טויט האָב איך זיך דערוווּסט צופֿעליק. אגבֿ, אויב איך וואָלט זיך וועגן דעם ניט דערוווּסט, וואָלט עס געווען בעסער. דער אָנקל מישע וואָלט ביז איצט געווען לעבעדיק פֿאַר מיר, און אַזוי...

וועגן זײַן טויט האָט מיר דערציילט די מאַמע, וועלכע איז אויך שוין ניטאָ.

די מאַמע האָט מיר געזאָגט, אַז דער אָנקל מישע איז שווער קראַנק געווען אויף קאַנצער. ער האָט שוין ניט געטרונקען און ניט געגעסן. אָבער איין מאָל האָט ער געבעטן שׂרה ברענגען אים רויטן ווײַן. אפֿשר צום ערשטן מאָל האָט שׂרה אים געבראַכט אַ פֿלעשל ווײַן און אפֿילו אַליין אָנגעגאָסן אַ האַלב גלאָז. דער אָנקל מישע האָט אויסגעטרונקען און אָנגעהויבן כריפּען.

— מישקע, דו האַלסט בײַם שטאַרבן? — האָט געפֿרעגט שׂרה.

— וואָס מיצקעדרינען, שׂרהלע, בין איך דען אַ משוגענער? טומאַן, זאָג איר, דו קענסט מיך דאָך פֿון לאַנג...

די טיר פֿון דער דירה איז ניט געווען פֿאַרשלאָסן. דער הונט טומאַן, דעם אָנקל מישעס בעסטער פֿרייַנד, און זייַן באַלעבאָס האָבן געקוקט אויף שׂרה רויִק און אפֿילו מיט אַ מיט פֿאַרוווּנדערונג.

— וואָס איז געשען, שׂרה? — האָט געפֿרעגט דער אָנקל מישע, ניט אויפֿשטייענדיק פֿון דער קאַנאַפּע. און שׂרה האָט שוין אויפֿגעהויבן טעפּיכלעך, קאָנטראָלירנדיק די גאַנצקייט פֿונעם דיל.

— וואָס האָסטו געהאַקט, משוגענער? — האָט געפֿרעגט שׂרה.

— פֿלייש, — האָט, מיט אַן ערנסער מינע קוקנדיק אויף די שכנים, וועלכע זייַנען געשטאַנען הינטער שׂרהס פּלייצע, געענטפֿערט דער אָנקל מישע. ער האָט ניט געשמייכלט. ער האָט געקוקט אויף די שכנים טרויעריק.

— וואָס איז געשען, שׂרה?

— האָסט געהאַקט אַ קעלער?

— וואָס, שׂרה, בין איך דען אַ משוגענער? טומאַן, זאָג איר, דו קענסט מיך דאָך פֿון לאַנג...

אָן אַ געביל אפֿילו האָט טומאַן מיט אַ ביטול-געפֿיל אַ קוק געטאָן אין דער ריכטונג פֿון די שכנים. דערנאָך האָט ער גענומען אין די ציין שׂרהס שטעקשיך און איר אָפּגעטראָגן. אַזוי איז ער געווען דערצויגן.

אַ סך יאָר פֿאַר זייַן טויט איז דער אָנקל מישע אַוועק

כּדי שׂרה — און דווקא אַזוי האָט מען גערופֿן זײַן ווײַב, זאָל קענען עפּעס צוגרייטן. אומגעפֿער אויפֿן אַכטן קלאַפּ פֿון דער האַק האָט מען אָנגעקלאַפּט אין דער טיר.

— ווער איז דאָרט? — האָט געפֿרעגט דער אָנקל מישע.

— מישענקע, דאָס איז די שכנה שירה. וואָס טוסטו, מישענקע מיט אַזאַ רעש?

— איך האַק אַן קעלער, — האָט, זיך ניט פֿאַרטראַכט, מיט אַן ערנסטן טאָן געענטפֿערט דער אָנקל מישע.

— מישענקע, האַקסטו טאַקע אונדז אויפֿן קאָפּ?

— כ׳ווייס ניט. אַז איך וועל דערהאַקן, וועלן מיר זען. און אָן אַ קעלער איז שלעכט — ניט קאַרטאָפֿל היטן, נישט שטיק פֿלייש באַהאַלטן.

אויף זײַן גליק, איידער אַרויסרופֿן די מיליציע, זײַנען שירה און מאיר געלאָפֿן אויף דער פֿאַבריק, ווו שׂרה האָט געאַרבעט אַלס נייערקע. ס׳איז געווען ניט ווײַט צו לויפֿן אויף דער פֿאַבריק. זיי זײַנען געלאָפֿן און האָבן עפּעס געשריגן דעם גאַנצן וועג. וואָס נעמלעך האָבן זיי געשריגן, וועל איך ניט זאָגן. ערשטנס, זײַנען מײַנע קענטעניש אין ייִדיש ניט גענוגנדיק פֿאַר דעם, און צווייטנס, בין איך נאָך ניט געבוירן געוואָרן. זיי האָבן זיך דורכגעריסן אין צעך און געמאָלדן שׂרהן, אַז "מישענקע איז אַראָפּ פֿון זינען שיכּורערהייט, און איצט האַקט ער זיי אויפֿן קאָפּ אַ קעלער". צוריק זײַנען זיי געלאָפֿן שוין זאַלבעדריט.



טאָן ביז דער קליינער טאַמבור פֿלעג זיך ניט אָנפֿילן מיטן אַ סקריפּנדיקן זקנישן הוסט. בלויז נאָך דעם פֿלעג זיך דערהערן אַ קלאַפּ אין דער טיר:

— מישענקע, אפֿשר ברענט בײַ דיר עפּעס?

— חלילה, ס'וואָלט מיר טומאַן געזאָגט, אויב עפּעס וואָלט געשען...

זיך אומגעקערט אַהיים אינעם געוויינלעכן פֿאַר אים צושטאַנד נאָך דעם, ווי ס'האָט זיך אים אײַנגעגעבן אונטערכאַלטורען אַ ביסל (פֿאַר די, וואָס ווייסן ניט, וואָס באַדײַט עס — הייסט עס פֿאַרדינען פֿון אַ זײַט), האָט דער אָנקל מישע באַשלאָסן צעהאַקן אויף שטיקער פֿלייש, וואָס ער האָט געקראָגן, נאַטירלעך, דורך אַ פּראָטעקציע. נו, זאָגט מיר, ווער האָט אין יענע יאָרן געקאָנט קריגן פֿלייש אויף אַ געוויינלעכן אופֿן, דאָס הייסט קויפֿן אין אַ קראָם?

ווי מאָדנע עס זאָל ניט זײַן, האָבן שירה און מאיר ניט באַמערקט דעם אָנקל מישעס קומען מיט אַ פּאַקעט. ווײַזט אויס, חוץ דעם וואַכן בײַ דער שליסל־לאָך, האָבן זיי געהאַט אויך אַנדערע ענינים. דערצו נאָך, ווי ס'איז שוין אָפּגעמערקט געוואָרן, האָבן זיי געוווינט אויפֿן ערשטן שטאָק פֿון אַן אַלטער הילצערנער הײַזערקע אַן שוויינ־געסל, און דער אָנקל מישע — אויפֿן צווייטן. אַזוי אַרום האָבן זיי אומאָנגענעם ניט באַמערקט דעם פּאַקעט מיט פֿלייש. דער אָנקל מישע האָט געשטעלט בײַם אויוון אַ קלעצל און אָנגעהויבן האַקן פֿלייש

האָרעפּאַשניקעס פֿון דער שטאָט ביראָבידזשאַן, האָט דער אָנקל מישע ליב געהאַט אַ שפּאַס טאָן מיט זײַנע שכנים. איך געדענק שוין ניט זייערע נעמען, און דאָס איז ניט וויכטיק. לאָמיר אָנרופֿן זיי שירה און מאיר. זיי זײַנען געווען ניט שלעכטע מענטשן, זיי האָבן פּשוט ליב געהאַט ליב געהאַט עפּעס אונטערהערן, עמעצן דערציילן. און דערצו האָבן זיי שטאַרק געליטן פֿון מאַנגל אין הומאָר־געפֿיל. און דאָס הומאָר־געפֿיל האָט דער אָנקל מישע עליו־השלום, ווי איר האָט שוין פֿארשטאַנען, געהאַט איבערגענוג. ווייסנדיק וועגן דער דאָזיקער געוווינהייט פֿון די שכנים, פֿלעג דער אָנקל מישע פֿאַרשאַפֿן די אַלטע לײַט ניט ווייניק קלאָפּאָטן. ער האָט, למשל, געוווּסט, אַז די זקנים האָבן ליב אונטערהערן דורך אַ שליסל־לאָך זיך אויפֿהייבנדיק פֿון זייער ערשטן שטאָק אויף זײַן צווייטן (רבונו־של־עולם האָט זיי געגעבן געזונט) און דערבײַ קענען זיי ניט לײַדן קיין טאַבעק־רויך. דערפֿאַר פֿלעג דער אָנקל מישע געלאָזט אין דער שליסל־לאָך רויך פֿונעם באַוווּסטן אין דער גאָרער וועלט "בעלאָמאָרקאַנאַל"[2]. ס'איז נאַטירלעך, אַז אין אַזעלכע מאָמענטן פֿלעג ער רייכערן "בעלאָמאָרקאַנאַל", ניט שלינגנדיק קיין רויך, דאָס הייסט אָן קיין שאָדן פֿאַר זײַן אייגענעם געזונט, און ער פֿלעג עס

[2] אַ מאַרקע פֿון גראָבע סאָוועטישע פּאַפּיראָסן.

אויף ניי־פֿאַבריק און געשמייכלט זעלטן. אָבער דווקא נאָך אים איז אין אונדזער שטאָט געבליבן דער טויטלאָזער אויסדרוק: "ספּאַסיבאָ, יאַ פּיעשקאָם פּאָסטאָיו"[1] — ווי אַן ענטפֿער אויפֿן פֿאָרשלאַג זיך צוזעצן. און אויפֿן פֿאָרשלאַג אָפּעסן פֿלעג ער בדרך־כּלל ענטפֿערן: "אַ דאַנק, איך האָב געגעסן וואַרמעס נעכטן".

דעם אַנקל מישעס בעסטער פֿרײַנד איז געווען דער הונט טומאַן. פֿאַרוואָס דער בעסטער? דער אָנקל מישע האָט עס דערקלערט מיט צוויי סיבות. טומאַן פֿלעג אים ברענגען און געבן שטעקשיך, און דאָס איז געווען זייער וויכטיק, ווײַל בעת אַ ראַדיקוליט־אַטאַקע איז דעם באַלעבאָס שווער געווען זיך אָנבייגן. און נאָך, ווײַל זיצנדיק בײַם באַלעבאָסעס פּיס, האָט טומאַן קיינמאָל ניט געבעטן קיין משקה — אים האָט געקלעקט פֿאַרבײַצעכץ כּדי זײַן גליקלעך.

ווי אַ סך עליקטריקער פֿון יענער וווּנדערלעכער צײַט האָט דער אָנקל מישע ליב געהאַט מאַכן אַ שהכּל. און ווען דער אָנקל מישע פֿלעג מאַכן אַ שהכּל, פֿלעג ער נאַטירלעך טרײַבן קאַטאָוועס מער, איידער דעמאָלט, ווען ער האָט געוואָלט מאַכן אַ שהכּל אָדער קראַנק געווען נאָכן אָנשיכּורן זיך.

ווינענדיק אין אַ קאָמונאַלער דירה, ווי דאָס רובֿ

[1] אַ דאנק, איך וועל צופּוס שטיין (רוסיש).

## אַ קאַטאָוועס־טרײַבער

דער אָנקל מישע איז געשטאָרבן מיט אַ שפּאַס אויף דער צונג און מיט אַ שמייכל, וואָס ער האָט דערלויבט זיך גאָר זעלטן. וועגן דעם, ווי ער איז געשטאָרבן, וועל איך דערציילן אַ קאַפּעלע שפּעטער, און דערווײַל בעט איך אײַך, וואַרפֿט פֿונעם קאָפּ אַרויס אָט די טרויעריקע הקדמה, ווײַל וועגן אַזעלכע מענטשן, ווי דער אָנקל מישע איז ניט פֿאַרפֿירט צו ריידן אין פֿאַרגאַנגענהייט. דער אָנקל מישע איז איינער פֿון די בעסטע קאַטאָוועס־טרײַבער פֿון אונדזער שטאָט — אַ שטאָט, וואָס איז אַמאָל רײַך געווען מיט אַזעלכע מענטשן, ווי ער.

דער אָנקל מישע אַזעריאַן איז, טראָץ דעם, וואָס ער האָט געטראָגן אַן אַרמענישן פֿאַמיליע־נאָמען, געווען אַ האָפֿענונגסלאָזער ייִד. געאַרבעט האָט ער אַלס עלעקטריקער

ניין.

האָט איר ביַי זיך געווער, וואָס איז ענלעך אויף שפּילעכלעך?

...ניין.

...ניין.

...ניין.

וואָס האָט פֿון דיר געוואָלט אָט די מישפּוכע?! — האָט געפֿרעגט סאַשקע, ווען מיר זיַינען אַדורך דעם זיכערהייט־קאָנטראָל.

ס׳איז גוט, אַז זייער ייִנגל האָט ניט געפּרוּווט אַרויספֿירן מיט זיך אַ ראָיאַל. אין אַזאַ פֿאַל איז שווער צו גלייבן, אַז אויף אים וואָלט געעפֿנט זיַין בייַטל אַן אַמעריקאַנער מיליאָנער.

איז וואָס האָבן זיי טאַקע געוואָלט?

זיך באַקענען.

זייער צופֿרידענע מיט זיך טאַמאָזשעניקעס האָבן בײַ איר קאָנפֿיסקירט אַ ״קאָנטראַבאַנדע״ בצורת איין־ליטערדיקע סלאָיקע מיט רויט רויג. זיי זײַנען פֿאַרנומען געווען מיטן צונויפֿשטעלן אַן אַקט, און די מאַמע האָט צו זיי גערעדט:

קינדער, און וואָס, פּראָסט אויפֿעסן דאָס רויג אָן צונויפֿשטעלן אַ פּאַפּיר, קענט איר בשום־אופֿן ניט? עסט געזונטערהייט. איך האָב עס געפֿירט מײַנע אייניקלעך, אָבער איך מיין, אַז זיי וועלן אויך אַזוי זיך פֿרייען מיט מײַן קומען, אָן שום רויג. עסט, נאָר לאָזט מיך אַדורך איך זאָל קענען זיך צוזעצן. גאָטעניו, ווי מיד בין איך געוואָרן אין אָט דעם מעטראָ.

און איר זײַט נאָך דאָרט, אין רוסלאַנד? — האָט מיך געפֿרעגט די מאַמע, מיט וועלכער מע האָט מיך באַקענט.

ניין, איך בין דערווײַל נאָך דאָ, אין ישׂראל, נאָר איך האָף, אַז אין אַ מעת־לעת אַרום וועל איך זײַן שוין אין רוסלאַנד. איז זאָלט איר האָבן מזל!

כ׳האָב דערזען, ווי סאַשקע פּאָכעט מיר מיט דער האַנט און באַווײַזט, אַז ס׳איז די צײַט אַדורכצוגיין דעם זיכערהייט־קאָנטראָל, ווו מע האָט מיך געפֿרעגט אַ צענדליק פֿראַגן, צו וועלכע איך האָב זיך שוין צוגעוווינט:

האָט איר בײַ עמעצן גענומען פּעקלעך איבערצופֿירן?
ניין.
האָט איר בײַ זיך שפּילעכלעך ענלעכע אויף געווער?

איר האָט אַמאָל געאַרבעט אין דער צײַטונג "ווזגליאַד" און אָנגעשריבן וועגן דעם, ווי בײַ מיר האָט מען צוגענומען אַ סאַקסאָפֿאָן, — האָט זיך ווידער געווענדט צו מיר דער יונגער מאַן.

אָנגעשריבן, אָבער דאָס איז געווען מיט זיבן יאָר צוריק, און איך געדענק ניט מיט טאָלק יענעם מאַטעריאַל.

ניט וויכטיק. מיר געדענקען אים. די צײַטונג, אין וועלכער ס'איז פֿאַרעפֿנטלעכט געוואָרן אײַער נאָטיצל, איז אַרײַנגעפֿאַלן אין די הענט פֿון איינעם גאָר ניט אָרעמען ייִדן אין אַמעריקע. דורכגעלייענט עס, האָט ער מיך אָפּגעזוכט דאָ, אין ישׂראל און צוגעשיקט טויזנט דאָלאַר אויף אַ נײַעם סאַקסאָפֿאָן. האָב איך געקויפֿט אַן אינסטרומענט, און שטעלט זיך פֿאָר, דאָס אַלץ איז אַדאַנק אײַך. איצט פֿאַרשטייט איר, פֿאַרוואָס איך האָב געוואָלט אײַך באַקענען מיט מײַן מאַמען?

איך פֿאַרשטיי, מיר איז זייער אָנגענעם, בײַ אײַך איז אַ גוטע מאַמע.

אויף אַ רגע האָב איך דערזען , ווי מײַן מאַמע האָט מיט צוויי שעה צוריק מיר אַ פֿאָכע געטאָן מיט דער האַנט צום לעצטן מאָל דאָרט, אין נצרת־עלית, אויף יענעם אָרט, ווו דער וועג פֿאַרקערעוועט פֿון עגנון־גאַס אויף דער טראַסע, וואָס פֿירט צום אַעראָפּאָרט בן־גוריון. און נאָך האָב איך זיך דערמאָנט מאָסקווע פֿונעם 1991טן יאָר, דעם אַעראָפּאָרט שערעמעטיעוואָ און מײַן באַגלייטן די מאַמע, ווען

אומדערוואַרטקייט. אין ישׂראל, דרך־אגבֿ, האָט מען ניט ליב קיין אומדערוואַרטקייטן, באַזונדערס אין אַעראָפּאָרט.

איך וויל אײַך באַקענען מיט מײַן מאַמען.

ער האָט געזאָגט עס מיט אַזאַ קול, ווי מע זאָגט דער כלה, אַז מע האָט אַ כּוונה זי באַקענען מיט די עלטערן.

כ׳זע ניט קיין שטערונגען, נאָר זאָגט מיר, וואָס פֿאַר אַ שייכות האָב איך צו אײַך און צו אײַער מאַמען. אַניט, איז עפּעס ניט באַקוועם.

איך וועל אײַך אַלץ דערקלערן.

גוט, — האָב איך געענטפֿערט, — איך האָף, אַז דער מאַמען האָט איר שוין אַלץ דערקלערט.

מיר זײַנען צוגעגאַנגען צו מענטשן, פֿון וועלכע האָב איך ניט געקענט קיין איינעם.

מאַמע, — האָט געזאָגט דער בחור, וועלכער האָט מיך פֿאַרחידושט מיט זײַן בקשה, — דאָס איז סאַשע. דאָס איינציקע, וואָס איך האָב פֿאַרגעדענקט וועגן דער פֿרוי, צו וועלכער ער האָט זיך געווענדט, איז יענץ, וואָס זי איז געווען זײַן מאַמע. זי האָט געזאָגט:

אַ דאַנק אײַך.

און נאָך, דאַכט זיך, אַז די וועלט איז קליין, באַזונדערס דאָ, אין ישׂראל.

ביטע, — האָב איך געענטפֿערט, — ס׳וואָלט נאָך גוט געווען זיך דערוויסן, פֿאַרוואָס אַ דאַנק.

אירע קינדער, כּדי זיי זאָלן דאָרט, אין אַ פֿרעמד לאַנד זיך באַגיין, אַזוי ווי אין זייער געוועזן היימלאַנד, אָן איבעריקע לוקסוסן".

*(די צײַטונג "ווזגליאַד", נומ. 8, דעם 18טן נאָוועמבער 1990)*

אין דער היים האָט אויף מיר געוואַרט אַ האַרבסט, וואָס קאָן ניט זײַן אין ישׂראל. אין תּל־אָבֿיבֿ איז געווען פּלוס פֿיר און דרײַסיק. מײַן פֿרײַנד סאַשקע בערענהאָלץ, וועלכער איז געווען מײַן שותּף אין אָט דער נסיעה צו דער מאַמען, איז נאָך אַלץ געשטאַנען בײַם אַרײַנגאַנג אינעם אַעראָפּאָרט בן־גוריון און האָט עפּעס דערקלערט זײַנע קרובֿים, ווײַזט אויס, די סיבות, צוליב וועלכע ער וועט ניט אַריבערפֿאָרן לעבן אין דעם־אָ לאַנד. מײַן ברודער מישקע איז ערגעץ אָפּגעגאַנגען, און איך בין געווען אַליין. די מאַמע פֿלעג ניט פֿאָרן מיך באַגלייטן אין אַעראָפּאָרט, איר איז שווער געווען אויסהאַלטן די היץ. האָב איך ניט באַמערקט, ווי אַ בחור אַ יאָר פֿינף און צוואַנציק אַלט האָט זיך באַוויזן הינטער מײַן פּלייצע און אַקוראַט מיך גענומען בײַ דער האַנט.

זײַט איר דאָך דראַבקין? — האָט ער געפֿרעגט און אַ קוק געטאָן פֿריִער אויף מיר און דערנאָך אין אַ זײַט, וווּ ס'איז געשטאַנען אַ גרופּע מענטשן.

דראַבקין, — האָב איך געענטפֿערט אָן שום פֿרייד, ווײַל ס'איז במילא געווען סומנע, און דאָ איז עפּעס אַן

זיך פּשוט פֿאַרלאָרן פֿונעם דערהערטן. ס'איז ניט געגאַנגען קיין רייד וועגן גאָלדענע צירונגען, איקאָנעס, בראַנפֿן, שאָקאָלאַד־צוקערקעס. "ניע פּאָלאָזשענאָ" האָט נוגע געווען צום סאַקסאָפֿאָן — דעם טײַערסטן פֿאַר זשעניען חפֿץ פֿונעם גאַנצן באַגאַזש פֿון זײַן משפּחה. דער סאַקסאָפֿאָן — דאָס איז זײַן פֿאַרגאַנגענהייט, אין וועלכער עס בלײַבן נאָענטע מענטשן און ניגונים, דאָס איז זײַן באַליבסטע באַשעפֿטיקונג, זײַנע האָפֿענונגען אויף אַ צוקונפֿט. דאָרט, ווּהין זיי האָבן זיך איצט געקליבן אַוועקפֿאָרן, איז דער סאַקסאָפֿאָן, סוף־כּל־סוף אַ "שטיק ברויט", ווי מע זאָגט אין רוסלאַנד.

און דער רייס איז אין זעקס אַזייגער אין דער פֿרי. וואָס פֿאַר אַ מיניסטעריום גיט אַרויס ספּראַווקעס דרײַ אַזייגער בײַנאַכט? דער אַכצניאָריקער עמיגראַנט האָט געווײנט אויף די אויגן פֿון די טאַמאָזשעניקעס, די עלטערן, די באַגלייטער... זיי זײַנען איבערגעגאַנגען אין דערוואַרטונגס־זאַל און געהערט הינטער זיך דאָס באַרימטע שערעמעטיעווער "ניע פּאָלאָזשענאָ".

"ניע פּאָלאָזשענאָ" קאָנצענטרירטע מילך, גערויכערטע וווּרשט און אַנדערע נערונג־פּראָדוקטן. "ניע פּאָלאָזשענאָ" אַרויסגיין אין אַ פֿאַרמיטלונגס־אַעראָפּאָרט און, ניט ווענדנדיק זיך אין קראָמען און באַרן, ווּ מע רעדט אויף אַן אומבאַקאַנט לשון, איבערכאַפּן עפּעס און אָנהאָדעווען קינדער. די מוטער היימלאַנד דאגהט ביז דער לעצטער מינוט וועגן דערציִונג פֿון

פֿעלד צו עמיגראַציע. איך האָב אויף אײַך רחמנות, אויף אײַך אַלע אָן אַן אויסנאַם. אפֿילו באַגלייטנדיק אין וועג אַרײַן זייערע ניט געראָטענע זין, שעלטן ניט זיי די מוטערס און טרייסלען ניט איבער זייערע פּעקעלעך — צי האָט דער אַוועקפֿאָרנדיקער ניט פֿאַרכאַפּט פֿון דער היים עפּעס איבעריקס!

ביינאַכט צווישן דעם זיבעטן און דעם אַכטן נאָוועמבער, ווען די טעלעוויזיע האָט טראַנסלירט די יום־טובֿדיקע דעמאָנסטראַציע אויפֿן רויטן פּלאַץ, אינעם שערעמעטיעווער אַעראָפּאָרט איז געגעאַנען אַ רעגיסטראַציע פֿון פּאַסאַזשירן־עמיגראַנטן. די געוועזענע בירגער פֿונעם סאָוועטן־לאַנד האָבן רעגיסטרירט זייער באַגאַזש און פֿאַרפֿילט דעקלאַראַציעס. זיי האָבן אויף גיך זיך געזעגנט מיט זייערע נאָענטע און געקוקט מיט פֿאַרבלענדטע פֿון טרערן אויגן אויף די טאַמאָזשעניקעס, וועלכע האָבן אויפֿמערקזאַם געפּאָרשט דאָס אינהאַלט פֿון זייערע קוישלעך און טשעמאָדאַנען.

ניע פּאָלאָזשענאָ[2], — האָבן זיי פּלוצעם געהערט און נאָכגיביק אָפּגעגעבן זייערע באַגלייטער די "איבעריקע חפֿצים". ניע פּאָלאָזשענאָ... אָן אַ ספּראַווקע פֿונעם קולטור־מיניסטעריום...

דער געוועזענער ביראָבידזשאַנער זשעניע קריגער האָט

[2] דאָ –— ניט דערלויבט (רוסיש).



צײַטונגען, וועלכע האָבן געגאָסן דעמאָלט נאָך אַ שוואַכע שײַן אויף דער עמיגראַציע.

אין יענער צײַט האָב איך געאַרבעט אַלס קאָרעספּאָנדענט פֿון דער צײַטונג "ביראָבידזשאַנער שטערן", און נאָך האָבן מיר צוזאַמען מיטן זשורנאַליסט לעאָניד שקאָלניק אַרויסגעגעבן די ערשטע אויפֿן ווײַטן מיזרח אומאָפּהענגיקע צײַטונג "ווזגליאַד". אָט די צײַטונג האָט דורכגעלייגט די ערשטע סטעזשקעס פֿאַר אַן אָביעקטיווער אינפֿאָרמאַציע וועגן דעם לעבן אין ישׂראל און די ערשטע פּראָבלעמען פֿון אונדזערע לאַנדסלײַט, וועלכע האָבן פֿאַרלאָזט דאָס היימלאַנד.

דעם 5טן נאָוועמבער 1990 האָב איך באַגלייט קיין ישׂראל מײַן ייִנגערן ברודער מישקע, און אומגעפֿער אין אַ וואָך אַרום האָט לעאָניד שקאָלניק פֿון עמעצנס ווערטער אָדער לויט אַ בריוו פֿון אַ לייענער דערציילט מיר וועגן אַ צופֿאַל אויף שערעמעטיעווער טאַמאָזשניע. ער האָט פֿאָרגעלייגט אָנשרײַבן וועגן דעם. לויט דער צײַט האָט זיך באַקומען אַזוי, אַז מײַן מישקע איז אַוועקגעפֿלויגן מיט דעם זעלבן רייס, און דעריבער האָב איך געשריבן מיט מײַן אייגענעם ווייטיק. דאָס נאָטיצל האָט געהייסן "אַן עמיגראַנטישע נאָוועלע", און איך ברענג עס וואָרט בײַ וואָרט אָן שום קירצונגען:

"איך בין איצט ווײַט. איך בין אַכט טויזנט קילאָמעטער ווײַט פֿון די מענטשן, וואָס גייען איבערן ריזיקן שערעמעטיעווער

אָן אים אין דער פֿרעמד האָט די נשמה ניט געקאָנט לעבן.

מישענקע, — האָט געזאָגט די מאַמע מײַן ברודער, וועלכער האָט געהאַלטן בײַם אַוועקפֿאָרן קיין ישׂראל אין נאָוועמבער 1990, — וועסט אפֿילו ניט נעמען מיט זיך די גליטשערס?

מאַמע, — האָט ער געענטפֿערט, — גליטשערס — דאָס איז די איינציקע זאַך, אָן וועלכער איך וועל ניט קענען זיך באַגיין, אָבער איך וועל זיך אײַנהאַלטן ביז נאַכטפֿרעסטלעך. דערנאָך וועל איך זיך קויפֿן נײַע גליטשערס.

ערשטנס, ווו האָט איר געזען נאַכטפֿרעסטלעך אין ישׂראל? און צווייטנס, האָט ער טאַקע גענומען מיט זיך די גליטשערס. און ער האָט געגליטשט אויף זיי. די אָפּוועזנהייט פֿון פֿרעסט איז נאָך ניט קיין סימן פֿון דעם, אַז אויך אײַז איז אָפּוועזנד.

ביראָבידזשאַנער עמיגראַנטן פֿון יענע יאָרן זײַנען געווען פֿאַר זייערע לאַנדסלײַט די ערשטע אַנטדעקער פֿונעם היסטאָרישן הײמלאַנד, וועלכע האָט זיך פּלוצעם גאָט ווייס פֿונוואַנען גענומען. אין זײַן ריי האָט דאָס "פֿרע־היסטאָרישע היימלאַנד", הייסט עס ביראָבידזשאַן, זיי ליב געהאַט און דערפֿאַר ס'איז גענוג געווען, אַז די אַוועקפֿאָרנדיקע זאָלן זיך אײַנזעצן אין אַעראָפּלאַן, ווי זייערע פֿרײַנד און נאָענטע האָבן אָנגעהויבן שטורמיש בענקען נאָך זיי. בריוו פֿלעגט מען איבערלייענען ביז לעכער. מע פֿלעגט זיי פֿאָרלייענען איינער דעם צווייטן אין טעלעפֿאָן. איך רעד שוין ניט וועגן

דער באַיאַניסט פֿון דער אילתער ברעג־גאַס האָט געטויגט אויף כּפּרות. האָב איך דערפֿילט אַ חשק נעמען דעם אינסטרומענט און העלפֿן אים פֿאַרדינען אַ פּאָר שקלים. איך האָב שיער ניט געבעטן בײַ אים אַ דערלויבעניש אַ שפּיל צו טאָן, אָבער ער האָט צוליב עפּעס אַ סיבה אַנטשוויגן, פֿאָרזיכטיק, ווי אַ קינד, אויפֿגעהויבן דעם אינסטרומענט און איז אַוועק ערגעץ־ווו אין דער ריכטונג פֿונעם אילתער אײַנגוס. אפֿשר האָט אים אין יענעם אָוונט געסטײַעט דאָס פֿאַרדינטע. ס'איז אינטערעסאַנט, צי האָט ער געהאַט פּראָבלעמען מיט טאַמאָזשניע בײַם אַריבערפֿירן דעם באַיאַן? פֿאַרוואָס אינטערעסירט עס מיך? וועל איך דערציילן. אַפֿשר איײַך וועט עס זײַן אינטערעסאַנט.

די ערשטע עמיגראַנטן, וועלכע זײַנען אַרויסגעפֿאָרן קיין ישׂראל און קיין דײַטשלאַנד, פֿלעגן אַלץ, וואָס זיי האָט זיך ניט אײַנגעגעבן צו פֿאַרקויפֿן, פֿאַנאַנדערשענקען סתּם אַזוי, אויף אַ גוטן אָנדענק. בײַ מיר, למשל, ביז איצט שטייט אַן עלעקטריש פֿליישמילכל, וואָס עס האָט מיר אַמאָל געשאָנקען אַ חבֿר, וועלכער איז אַוועקגעפֿאָרן קיין דײַטשלאַנד. אַ גוט פֿליישמילכל. ער וואָלט געקענט עס נעמען מיט זיך, אָבער אויף וואָס, זאָגט מיר, דאַרף ער שלעפּן אין דײַטשלאַנד אַ דײַטשיש פֿליישמילכל? אַן איבעריקע לאַסט און גאָרנישט מער. מיט זיך פֿלעגט מען נעמען דאָס סאַמע נייטיקסטע כּדי בלײַבן לעבן און זיך שטעלן אויף די פֿיס, און נאָך יענץ, וואָס

# אַן עמיגראַנטישע נאָוועלע

דער באַיאַניסט האָט געשפּילט שלעכט, און דער באַיאַן איז געווען אַן אַלטיטשקער. ער האָט אומצופֿרידן געשיפּעט, ווען מע האָט אים געצוווּנגען צוגעבן דעם וואָליום. אָבער דאָס איז געווען אַ באַיאַן. ער האָט געשפּילט אין ישׂראל, אין דער שטאָט אילת, גלײַך אויף דער ברעג־גאַס, אויסגעבנדיק עפּעס, וואָס האָט ווי־ניט־איז דערמאָנט דעם וואַלס "אויף סאָפּקעס פֿון מאַנטשזשוריע". דאָ, ממש אַקעגן דעם ירדנישן ברעג האָט געשפּילט דער געליבטער דורך מיר באַיאַן, פּונקט אַזאַ, ווי ס'איז געווען בײַ מיר אַמאָל אין קינדהייט. שפּעטער, ווען איך האָב געדינט אין סטרויבאַט, האָבן אים בשעת אַ געשלעג אינעם סאָלדאַטן־קלוב צעטאָפּטשעט שיכּורע דעמבעלן[1]. איך האָב דעמאָלט געוויינט.

[1] וועטעראַנען, סאָלדאַטן, וועלכע האַלטן בײַם פֿאַרענדיקן זייער דינסט־טערמין און זיך דעמאָביליזירן (סלענג).

אַ געוויסנהאַפּטיקער סאָלדאַטישער מי אויסגעפּילט אונדזער בירגערלעכן חובֿ פֿאַרן היימלאַנד. אין דער קאַזאַרמע, ווו איך בין אַריַין דער לעצטער, איז געווען אומגעוויינלעך פֿינצטער און רעשיק, זידלעריַי האָט זיך איבערגעמישט מיט ווייגעשרייען — ס׳איז געווען אַ שטעכעריַי צווישן רוסן און אַזערבייַדזשאַנער. אין דעם געשלעג האָט קיינעם ניט געאַרט, אַז איך בין אַ ייִד. און דערפֿאַר האָט עמעצער שוין אין אַ מינוט אַרום מיר אַ שטאָך געטאָן מיט אַ זאַטאָטשקע[2] פֿון אונטן צום אויב. אָט איז איַיך אַ געלער הונט, — האָב איך אַ טראַכט געטאָן. און נאָך האָב איך אַ טראַכט געטאָן: אָט פֿאַרוואָס, וויַיזט זיך אויס, ווען איך פֿלעג זאָגן דער באָבען, אַז מיר האָט זיך געחלומט אַ נאַרישער חלום, און געפּרוּווט אים דערציילן, פֿלעג זי מאַכן מיט דער האַנט אין אַ זיַיט און וואָרטשען: "די נאַראָנים חלומען זיך נאַרישע חלומות. גיב אַ קוק אין פֿענצטער און זאָג: ווּהין די נאַכט, אַהין דער חלום".

---

[2] אַן אימפּראָוויזירטער מעסער.

...אין אַ באַזונדערער קאַמער פֿונעם כאַבאַראָווסקער אויספֿאָרשונגס־איזאָלאַטאָר, אין דער קאַמער פֿון פֿאַראורטיילטע אויף טויט האָט זיך פֿונעם סקריפּ פֿון דער טיר אויפֿגעוועקט פּיזעס מאַן סאַשקע. אַן עסיקער רויך האָט מיט די גראָווע פּאַטלעס פֿון רבֿקה סאָסינע אַ פּליעסקע געטאָן פֿון פּיסטאָלעט־רער אין זײַן פּנים. זיך אָנגעבויגן איבערן צעשאָסענעם, האָט אַ דאָקטער קאָנסטאַטירט דאָס קומען פֿון טויט, און אַ פּראָקוראָר האָט געשטעלט אַ פּונקט אינעם אָפּצאָלונג־פּראָטאָקאָל. מיט דער צײַט האָב איך אָנגעהויבן באַמערקן, אַז בייזע חלומות ווערן מקויים אַ סך עפּטער, איידער גוטע. אָט ווי, למשל, פֿלעג זאָגן מײַן מאַמע, וועלכע האָט געדענקט פֿון זײַן פֿאָטער יעקבֿ, אַז אויב עס חלומט זיך אַ געלער הונט, איז דאָס אָבליגאַטאָריש צו אַ פֿײַנט און צו צרות, אויף וועלכע מע דאַרף וואַרטן פֿון דעם דאָזיקן פֿײַנט. און וואָס מיינט איר? אין אַרמיי — און איך האָב געדינט אין סטראָיבאַט[1] — האָב איך דערזען אין אַ חלום אַ געלן הונט, וועלכער האָט מיך געביסן. איך האָב דעם גאַנצן טאָג אויסגעמיטן קאָנפֿליקטן און געשלעגן — און דאָרט, ווו איך בין געווען, אויסמײַדן זיי איז געווען שווער. בײַנאַכט האָבן מיר זיך אומגעקערט פֿונעם זאַוואָד, ווו מיר האָבן מיט

[1] בוי־באַטאַליאָן.

געקומען, און רבֿקה, וועלכע האָט מיט התפּעלות אויף אים געוואַרט, איז פֿון דעם גליק אַראָפּ פֿון זינען. ווען יאָסקע איז אַרײַן אין שטוב, האָט זי אויף אים אַ קוק געטאָן און געפֿרעגט: "האָסט געבראַכט ניס?"... מע זאָגט, אַז זי איז געווען די שענסטע משוגענע פֿון אַלע די, וועמען מע האָט געקענט אינעם ייִשובֿ.

יאָסקע איז אויך געווען זייער אַ שיינער און אַ שטאַרקער. ער איז אַדורך די מלחמה און, ווי מע האָט זיך דערנאָך דערוווּסט, געפּײַנקעניש, אָבער קיין לעבן מיט רבֿקהן האָט זיך בײַ אים ניט באַקומען. און ער איז אַוועק. ווּהין און צו וועמען - האָט קיינער ניט געוווּסט. "יאָסקע וועט קומען, — האָט געהאַלטן אין איין טענהן רבֿקה, קוקנדיק אויף איר אָפּשפּיגלונג אין דער ריטשקע, — ער קלײַבט ניס און וועט קומען, יעקבֿ האָט געזאָגט".

אין 1956 איז געשטאָרבן יעקבֿ. מע האָט אים באַגראָבן אין אַ טרונע, ווי מע האָט באַגראָבן רוסן. אָבער נאָך דער לוויה האָט זיך אין זײַן שטוב צונויפֿגעקליבן אַ מניין. זיי האָבן געדאַוונט. און געגעסן ברויט, טוקנדיק עס אין ווײַן, און הינטער די פֿעצטער פֿון דער שטוב האָט געבלאָנדזשעט אַ זקנה מיט גראָווע פּאַטלעס. זי האָט געהאַלטן אין די הענט די אויסגעריבענע מעלדונג וועגן דעם שפּורלאָז נעלם געוואָרענעם און געטענהט: "יאָסקע וועט קומען". די מאַנצבלען האָבן זי ניט געהערט. זיי האָבן געדאַוונט.



ער, יעקבֿ, דאַרף אָפּרוען. רבֿקה איז אַרויס און בשעת זי איז געגאַנגען ביז דער ריטשקע, האָבן אַלע געהערט, ווי זי וויינט.

אסתּרקע האָט געוווּסט, אַז איר מאַן יעקבֿ קאָן ניט דערציילן אַלץ, ווײַל די מענטשן איז איצט שלעכט אויך אָן בייזע נבֿואות. יעקבֿ האָט תּמיד געמיאוסט פֿון שקר. אָבער דערבײַ האָט ער געהאַלטן, אַז פֿאַרשווײַגן הייסט ניט לײַגן.

— יעקבֿ, — האָט אַ פֿרעג געטאָט אסתּרקע, — יאָסקע איז שוין ניטאָ?

— יאָסקע וועט קומען ווען־ניט־איז. אָבער לעבן וועלן זיי ניט. רבֿקה וועט האָבן אַ מיתה־משונה... זאָג מיר, אַסתּר, צוליב וואָס דאַרף רבֿקה פֿון דעם וויסן?

ווּהין די נאַכט, אַהין דער חלום, — האָט אומזיכער געזאָגט אסתּר און אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט אין אַ זײַט.

"יאָסקע וועט קומען", — האָט געהאַלטן אין איין זאָגן רבֿקה אַלעמען, ווער עס האָט זי געפֿרעגט. — יאָסקע וועט קומען, אַזוי האָט געזאָגט דער אַלטער יעקבֿ.

און די מענטשן האָבן געגלייבט.

ווען די מלחמה האָט זיך פֿאַרענדיקט, האָט יעקבֿ נאָך געלעבט. און יאָסקע איז אַלץ ניט געקומען.

"יאָסקע וועט קומען", — האָט געהאַלטן אין איין טענהן רבֿקה, — אַזוי האָט יעקבֿ געזאָגט, ער לײַגט קיינמאָל ניט.

און יאָסקע איז טאַקע געקומען. ווּ איז ער געווען נאָך אַ יאָר נאָך דער מלחמה, האָט קיינער ניט געוווּסט. יאָסקע איז

דעם לעבן, וועגן חלומות און וועגן זייער טײַטש. אין יענע יאָרן האָבן די מענטשן זיך געניייטיקט אין פּאָרויסזאָגונגען מער, איידער איצט אין האָראָסקאָפּן, ווײַל ס׳איז געגאַנגען די מלחמה, און זי האָט צעטיילט משפּחות אויף די, וואָס זײַנען אַוועק אויפֿן פֿראָנט, און אויף יענע, וואָס האָבן געוואַרט אויף זיי. מענטשן, וועלכע זײַנען שלעכט געשלאָפֿן צוליב דער מלחמה, פֿלעגן באַהאַנדלען זייערע חלומות, און דערנאָך פֿלעגן זיי גיין צו יעקבֿן. און ער פֿלעג אין זײַן ריי אויפֿמערקזאַם אויסהערן די מענטשן און עפּעס פּאָרויסזאָגן. און מע זאָגט, אַז זײַנע פּאָרויסזאָגונגען פֿלעגן מקוים ווערן.

אין 1943 האָט רבֿקה סאָסינע, די שענסטע פֿרוי אין ביראַקאַן, באַקומען אַ מעלדונג וועגן דעם, אַז איר מאַן יוסף איז שפּורלאָז נעלם געוואָרן. אַלע האָבן געוויינט, און זי האָט ניט געגלייבט און איז געגאַנגען צום אַלטן יעקבֿ און האָט דערציילט, אַז יאָסקע איז איר געקומען אין חלום און האָט געזאָגט, אַז ער וועט קומען, ווען ער וועט אָנקלײַבן אין טײַגע ניס כּדי פֿאַרקויפֿן זיי און קויפֿן אַ נײַ הויז. דערנאָך האָט יאָסקע כּלומרשט זיך אַוועקגעזעצט אין פּאָיעזד און איז אין ערגעץ אַוועקגעפֿאָרן. און רבֿקה האָט אים געשריגן ער זאָל ניט אַוועקפֿאָרן, ווײַל אין ביראַקאַנער סאָפּקעס איז במילא פֿאַראַן אַ ים מיט ניס, אָבער יאָסקע האָט איר ניט געפֿאָלגט. דער אַלטער יעקבֿ האָט געזאָגט, אַז דער חלום איז אַ גוטער, יאָסקע וועט זיך אומקערן, און נאָך האָט ער געזאָגט, אַז

און ווו מײַן מאַמע האָט געאַרבעט ווי אַ קאָמענדאַנטין, האָט געווינט אַ פֿרוי מיטן נאָמען פּיזע. איך געדענק ניט איר אויסזען, איר פֿאַמיליע־נאָמען. איך געדענקט נאָר, אַז מע האָט זי גערופֿן פּיזע. ס׳איז אַלץ. איין מאָל איז זי געקומען צו אונדז אַהיים און, וויינענדיק, באַוויזן עפּעס אַ דאָקומענט. ווי עס האָט דערנאָך געזאָגט עמעצן פֿון אירע באַקאַנטע די מאַמע, איז דאָס געווען אַ מעלדונג וועגן אויספֿילן דעם געריכט־באַשלוס צעשיסן פּיזעס מאַן סאַשקע פֿאַרן גוואַלדעווען און מערדן די אַלטע רבֿקה סאָסינע. די מאַמע האָט נאָך דערציילט וועגן דעם נבֿיאות פֿון איר פֿאָטער, דעם אַלטן יעקבֿ, וועלכער איז געווען דער סאַמע באַוווּסטער פּותר־חלומות אינעם יִשובֿ ביראַקאַן און אין זײַן אומגעגנט.

דער אַלטער יעקבֿ איז געווען אַ סוכאָטניק. ער האָט ניט געאַרבעט און איז ווייניק געשלאָפֿן. און ווייניק געשלאָפֿן איז ער, ווײַל ער האָט ניט געקאָנט אַרבעטן און אַוועקגיין אויפֿן פֿראָנט און גענומען עס זייער שטאַרק צום האַרצן. יעקבֿ האָט געהאַט דרײַ קינדער: מײַן מאַמע, איר עלטערער ברודער מיכאל און איר ייִנגערע שוועסטער מאַיע.. די קינדער האָבן שטענדיק געוואָלט עסן, און אויפֿן עסן האָט פֿארדינט בלויז דאָס ווײַב, די באַוווּסטע אין יענע יאָרן שנײַדערקע אסתּרקע גערשטיין. איך וועל אײַך ניט מטריח זײַן מיט פּרטים פֿונעם שטייגער פֿון דער ייִדישער משפּחה. איך וועל נאָר זאָגן, אַז יעקבֿ דער סוכאָטניק האָט געהאַט צײַט צו טראַכטן וועגן

# ווּהין די נאַכט, אַהין דער חלום

ווען איך הייב אָן אַ דערציילונג פֿון די ווערטער "אַ סך יאָרן צוריק", פֿיל איך זיך אַ זקן און. זענענדיק זיכער, אַז ס'איז ניט אַזוי, פֿאַרבײַט איך אָט די ווערטער אויף אַנדערע, און שטעלט זיך פֿאָר - פֿיל איך זיך ייִנגערער. באַזונגערס, ווען איך דערצייל וועגן דער מאַמען און וועגן מײַן קינדהייט.

איך שרײַב וועגן יענע געשעעענישן אַזוי, ווי איך האָב זיי פֿאַרגעדענקט פֿון מײַן מאַמעס דערציילונגען. און זאָלן לייענער ניט האָבן צו מיר קיין טענות, אויב זיי וועלן דערזען אַ פֿאַרקריפּלונג פֿון פֿאַקטן. דאָס איז פֿאָרט אַ דערציילונג און ניט קיין לערנבוך פֿאַר געשיכטע.

אין דער פֿרויען־צוזאַמענווינונג, ווו איך בין אויסגעוואַקסן

דער מלוכה־זיכערהייט. פֿאַר סלאַווען איז דער קאַדער געווען ווערט צענדליקער פֿריִער געמאַכטע פֿאַרן רעדאַקטאָר קאַדרען. אָבער מילא, לגבי דעם וועט נאָך באַשליסן די ביוראָ פֿונעם געגנטקאָם פֿון דער פּאַרטיי. איַיך אינטערעסירט אוודאי, וואָס איז געווען אויף דעם פֿאָטאָ־בילד? אויף דעם איז דער קעמפֿער פֿאַר עקאָלאָגיע, דער פֿאָלקס־קטגור און דער אַקטיווער אויסערשטאַטנער קאָרעספּאָנדענט פֿון דער צייַטונג "ביראָבידזשאַנסקאַיאַ זוועזדאַ", דער פֿאָרשטייער פֿון דער סאַמע שעפֿערישער אינטעליגענץ פֿון ביראָבידזשאַן נחום... געגאַנגען, גאָרנישט וויסנדיק, איבער אַ גאַזאָן — דעם איינציקן ניט אויסגעטאָפּטשעטן גאַזאָן פֿון דער שטאָט, גלייַך אַקעגן דער קאַ.־גע.־בע.־פֿאַרוואַלטונג.

אַנטוואָפּענער סלאַווע — בײַ אים האָט מען צוגענומען זײַן פֿאָטאָ־אַפּאַראַט «קיִעוו». ווו און פֿאַרוואָס האָט מען אים צוגענומען, האָט דער רעדאַקטאָר זיך דערוווּסט אין עטלעכע מינוט אַרום. און אָט די מינוטן האָבן, אגבֿ, אים געקאָסט אויסגעריסענע פֿון זײַן לעבן יאָרן. במשך פֿון אָט די עטלעכע מינוטן האָט דער קאַ.־גע.־בע.־נאַטשאַלניק דערקלערט דעם רעדאַקטאָר, אַז דעם מיטאַרבעטער פֿון דער צײַטונג, מיט וועלכער ער פֿירט אָן, האָבן פֿאַרהאַלטן קאַ.־גע.־בע.־מיטאַרבעטער סאַמע אין יענעם מאָמענט, ווען ער האָט זיך באַהאַלטן מיטן פֿאָטאָ־אַפּאַראַט אין די הענט אין קוסטן פֿונעם סקווער, וועלכער געפֿינט זיך ממש אַנטקעגן דער קאַ.־גע.־בע.־פֿאַרוואַלטונג. סלאַווע האָט געפֿירט אַ נאָכשפּירונג און געמאַכט אפֿילו צוליב דעזשורנעס נאַכלעסדיקייט (ער וועט נאָך פֿאַר דעם כאַפּן אַ פּסק!) איין פֿאָטאָ־בילד. קען מען פֿאַרשטיין דעם רעדאַטקאָרס צושטאַנד נאָך אַלץ, וואָס ער האָט דערהערט? שטעלט זיך פֿאָר: זיצן אין אַ לאָקערונג און נאָך ווו — פֿאַרשטייט איר אַליין...

נאָך די עטלעכע שוידערלעכע מינוטן האָט מען אינעם קאַבינעט געבראַכט אַן אַנטפּלעקטע פֿאָטאָ־טאַשמע און אַן אָפּגעדרוקט פֿאָטאָ־בילד: די טאַשמע האָט מען אַרויסגענומען פֿון סלאַוועס פֿאָטאָ־אַפּאַראַט. ער האָט באַוויזן מאַכן בלויז איין קאַדער, וואָס לשם אים איז ער געזעסן אין דער לאָקערונג און פֿאַרהאַלטן געוואָרן דורך וואַכזאַמע מיטאַרבעטער פֿון

געווען אילוסטרירן אַ נאָטיצל וועגן מענטשן, וועלכע גייען איבער גאַזאָנען.

— איצט איז אַלצדינג קלאָר, — האָט געזאָגט דער נאַטשאַלניק פֿון קאַ.־גע.־בע. און אַוועקגעלייגט דאָס טרײַבל צוליב עפּעס אַ סיבה אָן געזעגענען זיך.

— ווי געפֿעלט עס אײַך? אים איז אַלצדינג קלאָר! — האָט זיך באַליידיקט דער רעדאַקטאָר. — וואָס איז קלאָר? ווהין האָט געטראָפֿן אָט דער שלים־מזל, און בכלל וואָס איז דאָ שייך מײַן אויפֿגאַבע? האָט מען בײַ אונדז געמאַכט געהיים גאַזאָנען, ווײַל פֿון זיי פֿליִען אַרויף קאָסמישע שיפֿן? ער האָט אַפֿילו ניט געזאָגט "אויף ווידער זען". און טאַקע יאָ. צוליב וואָס זיך געזעגענען, אויב מע וועט אין גיכן נאָך דיר קומען צו פֿאָרן און מע וועט זיך ווידער זען.

מײַן מאַמע וואָלט לגבי דעם געזאָגט, אַז דער רעדאַקטאָר האָט גלײַך ווי געקוקט אין וואַסער אַרײַן. ער האָט דאָך איבערגעלעבט יענע צײַט, וועלכע מע פֿלעגט שפּעטער דערמאָנען מיט אַ ניט־גוט וואָרט, און קיינער האָט ניט געקאָנט גאַראַנטירן, אַז די טרויעריקע געשעענישן פֿון יענע יאָרן וועלן זיך ניט איבערחזרן.

און זיי, דער רעדאַקטאָר און דער נאַטשאַלניק, האָבן זיך טאַקע באַגעגנט שוין מיט אַ שעה שפּעטער אין דער פֿאַרוואַלטונג פֿון קאַ.־גע.־בע. אינעם נאַטשאַלניקס קאַבינעט. דאָרט איז געזעסן אַ הונגעריקער, אַ צעמישטער און אַן



דער פֿאַרשווינדונג האָט אינעם רעדאַקטאָרס קאַבינעט אַ קלונג געטאָן דער טעלעפֿאָן, און דער אָנפֿירער פֿון דער געגנטלעכער דרוק־אויסגאַבע האָט דערהערט דאָס באַקאַנטע ביזן האַרץ־ווייטיק קול פֿונעם נאַטשאַלניק פֿון דער געגנטלעכער פֿאַרוואַלטונג פֿון קאַ.־געּ.־בעּ. דער נאַטשאַלניק האָט זיך אינטערעסירט מיט דעם רעדאַקטאָרס געזונט. דער רעדאַקטאָר האָט באַדאַנקט, געזאָגט, אַז אויפֿן געזונט האָט ער ניט וואָס צו באַקלאָגן זיך. נאָר ער האָט געלייגט. אין יענעם מאָמענט האָט ער דווקא יאָ און זייער געקאָנט זיך באַקלאָגן אויפֿן געזונט. אָבער ניט דעם נאַטשאַלניק פֿון דער קאַ.־געּ.־בעּ.־פֿאַרוואַלטונג זאָל ער דאָך זיך באַקלאָגן, ריכטיק?

נאָך דעם העפֿטלעכקייטן־אויסטויש מיטן רעדאַקטאָר האָט דער געגנטלעכער הויפּט־קעמפֿער פֿאַר מלוכהשער זיכערהייט געפֿרעגט צי אַרבעט ניט אין דער צײַטונג איינער אַ סלאַווע, און אָנגערופֿן דעם פֿאַמיליע־נאָמען פֿונעם שפּורלאָז נעלם־געוואָרענעם זשורנאַליסט. דער רעדאַקטאָר האָט געענטפֿערט, אַז שוין צוויי טעג ווי ער אַרבעט ניט, אָבער ער רעכנט זיך נאָך אַלץ אינעם שטאַט ביז ס'וועט זיך אויסקלאָרן די סיטואַציע. דעמאָלט האָט דער נאַטשאַלניק אַ פֿרעג געטאָן, וואָס פֿאַר אַן אויפֿגאַבע פֿונעם רעדאַקטאָר האָט סלאַווע באַקומען ערבֿ זײַן נעלם ווערן. דער רעדאַקטאָר האָט געענטפֿערט, אַז ער געדענקט שוין ניט, ווײַל ער איז זייער אויפֿגערודערט, אָבער, ס'איז מעגלעך, אַז די אויפֿגאַבע איז

נאָך אַ נאָטיץ. גאַזאָנען זײַנען אין יענע יאָרן געווען ווייניק, אַ סך ווייניקער איידער פּובליקאַציעס אויף אָט דער טעמע.

לשם יושר איז כּדאי צו זאָגן, אַז זײַנע שאַפֿונגען זײַנען דערעסן געוואָרן אַלעמען, נאָר אַמערסטן — דעם יונגן נאָך דעמאָלט קאָרעספּאָנדענט סלאַווע, וועלכן די אָנפֿירונג פֿלעג פּעריאָדישוויַיז פֿאַרפֿליכטן מאַכן פֿאָטאָ־בילדער צו אילוסטרירן נחומס נאָטיצן. און ס׳וואָלט נאָך געווען נישקשה: נחום וואָלט ווײַטער געשריבן, סלאַווע וואָלט זיך ווײַטער געבייזערט, נאָר פֿאָטאָגראַפֿירט, ווען ניט דער צופֿאַל, וואָס האָט אויפֿגעטרייסלט אַלע פֿירנדיקע מיטלען פֿון מאַסן־אינפֿאָרמאַציע פֿון דער געגנט.

סלאַווע האָט אַן אָרדנטלעך מאָל באַקומען דעם רעדאַקטאָרס אויפֿגאַבע, גענומען זײַן פֿאָטאָ־אַפּאַראַט און איז נעלם געוואָרן. ניט פּשוט נעלם געוואָרן, נאָר נעלם געוואָרן שפּורלאָז מער ווי אויף אַ מעת־לעת. און דאָס איז געווען אין יענע צײַטן אָן פֿאַרצושטעלן אַ ספּראַווקע צי אַ קראַנקהייט־צײַגעניש אַן אויסערגעוויינלעכער צופֿאַל פֿון אַ ריזיקן מאַסשטאַב. מע האָט אים געזוכט, מע איז געפֿאָרן צו אים אַהיים און אַפֿילו האָט מען געקלונגען אין שפּיטאָל און אין מאָרג. דאַנקען גאָט, ניט אינעם שפּיטאָל און נישט אינעם מאָרגן האָט מען סלאַווען ניט געפֿונען. דאָס האָט געלאָזט אַ האָפֿענונג אויף אַ בשלומדיקן אויסוועג.

צום סוף פֿונעם צווייטן טאָג זינט דעם מאָמענט פֿון

מיטאַרבעטער, וועלכע מע האָט געצאָלט פֿאַר זייער אַרבעט אַ געהאַלט, נאָר אויך אויסערשטאַטנע. זיי האָט מען אויך אַ ביסל געצאָלט און גערופֿן זיי ״דאָרפֿקאָרן״, הייסט עס דאָרפֿישע קאָרעספּאָנדענטן, און ״אַרבקאָרן״, הייסט עס אַרבעטער־קאָרעספּאָנדענטן. איינער פֿון זיי איז געווען נחום. ער איז ניט געווען קיין האָרעפּאַשניק פֿון דאָרפֿישער ווירטשאַפֿט און אויך ניט קיין אינדוסטריע־אַרבעטער. בעסער וואָלט געווען זאָגן, אַז ער האָט געקעמפֿט אויפֿן פֿראָנט פֿון שׂכלדיקער מי. דעם וואָרקאָהאָליקער נחום האָט שטענדיק ניט געקלעקט קיין אָנלאָדונג אויף זײַן עיקרדיקן אַרבעטס־אָרט. און אַפֿשר אויך קיין געלט, איז ער האָט אַקטיוו געשריבן נאָטיצן אין די געגנטלעכע צײַטונגען. און געטאָן האָט ער עס ניט בלויז לשם האָנאָראַר. זײַנע כּוחות האָט נחום געפּטרט לשם נצחון פֿונעם געזונטן לעבנס־אַרט איבערן אומגעזונטן, און נאָך לטובֿת דעם קאַמף קעגן ברעכער פֿון דער געזעלשאַפֿטלעכער אָרדענונג, וועלכע פֿלעגן אומברחמנותדיק און חוצפּהדיק אויסטאָפּטשען די שטאָט־גאַזאָנען. אויב אָט די ברעכער וואָלטן כאָטש איין מאָל דורכגעלייענט אַלע זײַנע פּובליקאַציעס, וואָלטן זיי געשטאָרבן פֿון בושה, אָבער זיי האָבן, ווי־זײַט אויס, ניט געלייענט קיין צײַטונגען און ממשיך געווען אַרומגיין איבער גאַזאָנען פֿרײַ, ווי ביראָבידזשאַנער פֿלעגן אין יענער צײַט גיין איבער הילצערנע טראָטואַרן, און האָבן פֿון קיינעם קיין מורא ניט געהאַט. אָבער דאָ איז נאַט אײַך: נחום — נאַט, באַקומט

# אַמאָל זייער לאַנג צוריק

עס האָבן געלעבט אין ביראָבידזשאַן מענטשן, וועלכע האָבן געקענט שפּאַסן, זען אַ לעכערלעכס אין אַ טרויעריקס און דער עיקר דערציילן וועגן דעם אַזוי, אַז אַלע האָבן הנאה געהאַט פֿונעם הערן. דאָס איז געווען אַמאָל זייער לאַנג צוריק, איצט איז געבליבן נאָר אָפּזוכן זייערע שטימען אין דער פֿאַרגאַנגענהייט, זיך דערמאָנען און דערציילן אײַך וווּנדערלעכע מעשׂיות פֿונעם לעבן פֿון אונדזער וווּנדערלעכער שטאָט.

געווען אַזאַ פּעריאָד, ווען איך האָב געאַרבעט אין דער צײַטונג "ביראָבידזשאַנער שטערן", ווו איך האָב דערהערט אָט די מעשׂה.

אויב עמעצער ווייסט ניט, וועל איך דערמאָנען, אַז אין די געגענטלעכע צײַטונגען האָבן געאַרבעט ניט בלויז שטאַט־

ניט! — און די אַלטע האָט זיך צעוויינט, אָבער ס׳איז גלײַך געוואָרן ניט צו דערהערן איר געוויין, ווײַל נאָך איר האָט אָנגעהויבן צו וויינען אסתּרקע־גראַמאָפֿאָן.

פֿון דעמאָלט אָן יעדעס יאָר ביזן סוף פֿון דער מלחמה און אויך נאָך איר אינעם טאָג פֿון דער פּאַסכע פֿלעג צו אונדז קומען די אַלטע טאָלסטיקאָווע און ברענגען צו טראָגן געפֿאַרבטע אייער. און צומאָל אויך ניט אויף דער פּאַסכע, נאָר סתּם אַזוי איז געקומען און געבראַכט עסן. און אויב אינעם טאָג פֿונעם הייליקן פּראַוואָסלאַוון פּראַזדניק איז די אַלטע טאָלסטיקאָווע פּלוצעם פֿאַרשפּעטיקט אַ ביסל, האָט מישקע, אַ גרויסער שוין בחורעץ, צעקוועטשט זײַן נאָז אויפֿן פֿאַרגאָסענעם מיט דער פֿרילינגדיקער זון שויבגלאָז און טרויעריק געזאָגט:

— אָך, עפּעס צו לאַנג הייבט זיך ניט אָן די פּאַסכע...

זיי אַלע האָבן דערלעבט ביז פּענסיע: דער פֿעטער מישע, מײַן מאַמע און די מומע מײַע. ניט פֿרומע, ניט גלייביקע, און פּאָרט פֿרילינגצײַט פֿלעגן זיי פֿאַרבן אייער צו דער פּראָוואָסלאַווער פּאַסכע. און אַזוי — יעדעס יאָר.

צו די גערשטיינס געקומען די אַלטע טאָלסטיקאָווע. זי און אַ קליין אייניקל:

— כריסטאָס וואָסקרעס![1]

— וואָיִסטינו וואָסקרעס! — האָט זיי געענטפֿערט אסתּרקע, הגם אַליין איז זי געווען אַ ייִדישקע און קיין פּראַוואָסלאַווע פּאַסכע האָט זי ניט געפּראַזדנעוועט.

— נעם, אסתּר. — טאָלסטיקאָווע האָט אַוועקגעשטעלט אויפֿן טיש אַ פֿאַן מיט הייסע קאַרטאָפֿליעס, אַ קריגל מילך, אַ קלייניטשקע פּאַסכע[2] און פֿינף געפֿאַרבטע אייער.

— לאָז אָפּ! נו, וואָס האָסטו זיך אויסגעטראַכט. מיינסט, אַז מיר הונגערן? יעקבֿ, וואָס זיצטסטו ווי אַ גולם? זאָג זשע, אַז בײַ אונדז איז ניטאָ קיין הונגער.

און וואָס האָט געקענט זאָגן יעקבֿ, ווען מישקע, רבֿקה און מײַקע האָבן אַזוי געקוקט אויפֿן טיש!?

— נעמט... איר האָט דעמאָלט וואַניען... נעמט, באַליידיקט

[1] ״קריסטוס איז אויפֿגעשטאַנען תּחיית־המתים!״ (רוסיש)

[2] אַ מין זיסע קעז־מאַסע מיט ראָזשינקעס, וואָס פּראַוואָסלאַווע רוסן מאַכן אויפֿן יום־טובֿ פֿון פּאַסכע.

וואַרמעס אַהיים. איר אומבײַט האָט געהאַלטן בײַם ענדיקן זיך, און רבֿקה האָט צוגעזאָגט ברענגען געבעקס פֿון דער יום־טובֿדיקער פּיאָנערישער מאָלצײַט. דאָס איז געווען כמעט אַ פֿײַערלעכע מינוט, גלײַך ווי פֿאַרן אײַנהענטיקן באַלוינונגען. לכּבֿוד אַזאַ צופֿאַל האָט מײַקע אפֿילו זיך אַרומגעוואַשן, און מישקע האָט זיך ניט געאײַלט אָנהייבן בײַ דער ריטשקע אַן אָרדנטלעכן געשלעג.

— אָט זשע איז זי, רבֿקה! באַלד וועט זי צעטיילן אויף גלײַך...

— רבֿקהלע, — דאָס איז געווען דער מאַמעס קול, דאָס מידע, פֿאַרגעסענע פֿאַרמלחמהדיקע מאַמעס קול, וואָס פֿון אים איז פֿאַרשווונדן דער כּעס אויף דער מלחמה, אויף די באַשטעלער, אויף דער ביראַקאַנער ריטשקע, אין וועלכער זי פֿלעג אין אָפּרו־טעג אַראָפּוואַשן פֿאַרטריקנט בלוט פֿון פֿראָנט־וואַטוווקעס, און אויף איר אומאָנזעטלעכער כאַליאַסטרע. דער מאַמעס קול איז געווען ביטער, ווי דאָס גראָז טשערעמשאַ, וועלכע די קינדער פֿלעגן רײַסן פֿרילינגצײַט אויף ביראָקאַנער סאָפּקעס. — רבֿקהלע, דער פֿעטער וואַניע טאָלסטיקאָוו וועט מסתּמא אין גיכן שטאַרבן. מע דאַרף אָפּטראָגן דאָס געבעקס אים.

אין רבֿקהס האַנט האָט געציטערט אַ פּעקל, וואָס איז שוין

גרייט געווען צעפּליקט צו ווערן אָדער, אויב לויט מישקעס דעפֿיניציע, צעטיילט צו ווערן מיט יושר.

דער פֿעטער וואַניע וועט מסתּמא שטאַרבן און ער בעט עפּעס אַ געבעקס. אין דער פֿרי איז געקומען די אַלטע טאָלסטיקאָווע. גיי, טראָג אָפּ. די מלחמה וועט זיך פֿאַרענדיקן, און דו וועסט זיך נאָך אָנעסן צו זאַט, און ער קען ניט באַוויַיזן.

מיַיקע האָט לאַנג נאָכגעסקאַווטשעט, און מישקע האָט געשטופּט מיטן פֿוס די פֿאָרטקע ביז ער האָט געכאַפּט פֿון דער מוטער אסתּרקע־גראַמאָפֿאָן, צו וועלכער עס האָט זיך אומגעקערט איר פֿריִערדיקער כאַראַקטער...

כ׳נעם זיך ניט זאָגן באַשטימט, וואָס האָט אָנגעטאָן מער עגמת־נפֿש די קינדער, די קראַנקהייט פֿונעם שכן דעם פֿעטער וואַניע טאָלסטיקאָוו אָדער דאָס אַוועקגעטראָגענע אויף זייערע אויגן געבעקס. אגבֿ, קיין געבעקס האָבן זיי ניט געפּרוּווט ביזן סוף פֿון דער מלחמה.

דער פֿעטער וואַניע איז געשטאָרבן, איבערגעלאָזט זיַין מוטער, דער אַלטער טאָלסטיקאָווע, דריַי קליינע קינדער. אמת די מיידלעך זיַינען געווען ניט צעבאַלאָוועטע, זיי האָבן געהאָלפֿן דער באָבען זיך פּאָרען אין שטוב, און זי אַליין איז געווען נאָך אַ שטאַרקע פֿרוי. בקיצור, האָט מען געלעבט, ניטאָ וואָס צו זאָגן.

און פֿרילינגציַיט, ווען מיט פּראָדוקטן איז געוואָרן אין גאַנצן שלעכט, געענוי אויף דער פּראַוואָסלאַווער פּאַסכע איז

שוין אָפּגערעדט וועגן פּירעזשקעס און בולקעלעך. דעריבער מישקע, וועלכער האָט פּעסט פּאַרגעדענקט די אָרדענונג פֿונעם לאַגער־טאָג, פֿלעג כמעט יעדן טאָג זיך באַווײַזן בײַם פּלויט, ווו רבֿקה האָט דורך אַ שפּאַרונע דערלאַנגט אים יענץ, וואָס איז געווען באַקוועם אַרויסצוטראָגן נאָך וואַרמעס אָדער נאָך וועטשערע. ער פֿלעג גלײַך אויפֿעסן כמעט אַלץ. איבערגעלאָזט ברעקלעך פֿאַר מײַקען, און צוזאָגן קומען מאָרגן צוגאַסט ווידער. אַזוי איז געווען, און ס׳איז אוממעגלעך אַנטלאָפֿן פֿון אָט דער מאַמעס דערמאָנונג. דווקא אַזוי. איך גלייב מײַן מאַמען.

מישקע איז געווען הונגעריק כראָניש. אַ דאַרער, אַ ברוינלעכער, אַ האַסטיקער, אַן ענלעכער אויף אַ ציגײַנערל, איז ער תּמיד געווען אַ שלעגער און אַ פּריטשעפּע. ער האָט אַנערקענט נאָר געשלעגן ביזן ערשטן בלוט. האַרבסטצײַט פֿלעג מישקע צוזאַמען מיט מוזשיקן אויף לאַנג אַוועקגיין אין טײַגע אַרײַן שישקעווען. ער האָט געשמט ווי דער פֿלינקסטער צעדערנקריכער, און טאַקע דערפֿאַר פֿלעגן די מוזשיקן נעמען אים מיט זיך, ניט געקוקט אויף זײַן יונגער עלטער. מישקעס שטורעמדיקע ענערגיע האָט, ווײַזט אויס, געפֿאָדערט אַ סך קאַלאָריעס און לויט מישקעס ווערטער — פּשוט — פֿרעסן, און מיטן פֿרעסן האָט אַזוי געשמאַק געשמעקט הינטערן פּלויט פֿונעם פּיאָנערן־לאַגער.

אין יענעם טאָג האָט רבֿקה געדאַרפֿט זיך אומקערן נאָכן



אָרעמער איז דאָס לעבן, אַלץ מער קינדער ווערן אין דעם געבוירן? דערבײַ ווערן זיי געבוירן, זיך טשעפּענדיק איינס פֿאַר דעם צווייטנס פּיס. און ניט אַזוי, ווי יעקבֿ־אָבֿינו האָט זיך געטשעפּט פֿאַר די פּיס פֿון זײַן ברודער עשׂו, ניט געבנדיק אים דערזען גאָטס וועלט פֿריִער פֿון אים, נאָר פֿאַרקערט. זיי האָבן זיך געטשעפּעט נאָר כּדי וואָס גיכער אויפֿשטיין אויף אייגענע פּיס און זיך אײַנשפּאַנען אינעם שווערן לעבנס־וואָגן. אַזוי זײַנען געוואַקסן אַלע קינדער אין ביראַקאַן. און ווי אַ בײַשפּיל קאָן איך ווידער ברענגען מײַן מאַמע, איר ברודער און איר שוועסטער.

זומערצײַט רבֿקהן פֿלעגט מען שיקן אין אַ פּיאָנערן־לאַגער כּדי אויף איין אומגליק אין דער היים זאָל זײַן ווייניקער. אַזוי האָט באַשלאָסן די באָבע, און זאָל עמעצער אין דער היים באַשליסן אַנדערש, וואָלט זיך אים גלײַך אויסגעדאַכט, אַז ער האָט פֿריִער זיך ממש געבאָדן אין גליק. בקיצור, שטעל איך זיך פֿאָר, וויִאַזוי עס וואָלט געקאָנט זײַן. איך געדענק, דאַנקען גאָט, די באָבע.

רבֿקהן איז אינעם פּיאָנערן־לאַגער געווען בעסער איידער אין דער היים, און דער עיקר — זעטער. זי האָט זיך זייער געפֿריידט, און ניט ווייניקער פֿון איר האָבן זיך געפֿריידט מישקע און מײַקע. און פֿאַרוואָס, וועט איר באַלד פֿאַרשטיין. ניט געשריבענע געזעצן פֿון דער משפּחה־קרובֿהשאַפֿט האָבן ניט דערלויבט רבֿקהן אויפֿעסן אַליין איר ברויט־פּאָרציע,

גוטסקייט און אכזריותדיקייט האָבן געלעבט אין איר בשותּפֿות און ניט געשטערט איינע דער אַנדערער. זי פֿלעג אומברחמנותדיק שלאָגן אירע אייגענע קינדער, אָבער געהאָדעוועט מיט ברויט קינדער פֿון שכנים, ווען יענע האָבן זשעדנע אויף דעם געקוקט.

"קום אַהער, נאַ!" — פֿלעג זי שרײַען צו אַ קינד און דערלאַנגען אים אַ שטיק. און אין דער זעלבער צײַט פֿלעגן אירע קללות (און אין קללות איז מײַן באָבע געווען אַ בריה) דורנערן איבער ביראַקאַן, ווי אַ נײַס־סוואָדקע פֿון אינפֿאָרמביוראָ דורך אַ רעפּראָדוקטאָר. און אויב עמעצער וואָלט געוואַגט זאָגן איר אין דעם מאָמענט: "אסתּר, איר האָט אַ משפּחה, מישקע איז ווי אַ סקעלעט און אויף מײַקע מיט ריבֿקהן איז שרעקלעך אַ קוק צו טאָן", — וואָלט זי געענטפֿערט: "זיי ועלן ניט פּגרן. איך וועל העלפֿן, מיר וועט מען העלפֿן". דערנאָך פֿלעג זי זיך אָפּקערעווען און, וואַרשײַנלעך, וויינען. זי האָט געווײנט אויף איר אייגענעם אופֿן, ווײַל קיינער האָט אין יענער צײַט ניט געזען אסתּרקע־גראַמאָפֿאָנס טרערן. זי איז געווען זייער אַ גוטהאַרציקע, מײַן באָבע, באָבע אסתּרוסיע.

אַ סך אין אונדזער לעבן איז אוממעגלעך צו דערקלערן און די קינדער אויכעט. איך מיין ניט גאָר יענץ, ווי זיי קומען אין דער וועלט. איך רעד וועגן עפּעס אַנדערש. למאי וואָס

נאָך ערבֿ דער מלחמה איז רבֿ יעקבֿ קראַנק געוואָרן אויף טשאַכאָטקע, אָבער ער איז געווען אַ שטילער ייִד און האָט ניט געהאַט קיין געוווינהייט ריידן וועגן קרענק. ער איז קראַנק געווען, און דאָס איז אַלץ. צו אים פֿלעגן אָפּטמאָל קומען מענטשן כּדי פֿרעגן אים, אויף וואָס דאַרף מען וואַרטן, אויב בײַנאַכט האָט זיך געחלומט אַזאַ און אַזאַ חלום. ער האָט געענטפֿערט, און זײַנע ווערטער פֿלעגן בפּירוש מקוים ווערן. יעדנפֿאַלס אַזוי האָט געטענהט מײַן מאַמע, און דער מאַמען גלייב איך.

די באָבע איז געווען דער הויפּט פֿון דער משפּחה, און ווי איך האָב שוין געזאָגט, גאָר אַ ראַשיקער הויפּט. מיט דעם האָט זי פֿאַרדינט איר צונעמעניש "אסתּרקע־גראַמאָפֿאָן". איך טענה מיט זיכערקייט, אַז אינעם אָבלוטשיער ראַיאָן האָט קיינער ניט געגנייט בעסער פֿון איר און קיינער האָט זיך ניט געקריגט מיט באַשטעלער אַזוי ווי זי.

— וואָס איז געשען בײַ אסתּרקען? זי שרײַט אַזוי, גלײַך זי האָט פֿאַרלאָרן אַלע ברויט־קאַרטלעך אינאיינעם.

— לאָזט אָפּ, בײַ אסתּרקען גייט פּשוט אַ מעסטן.

— ס׳איז טאַקע זייער אויף איר ענלעך. אָבער נייען נייט אסתּרקע — זאָלן בײַ איר די הענט קיינמאָל ניט טאָן וויי!

מיר האָבן פֿאַרגעסן פֿון מצות, גלײַך ווי מיר האָבן פֿאַרגעסן וועגן דעם, אַז ס'איז דאָ דער ייִדישער פּסח און ווען קומט ער.

דערבײַ איז וויכטיק צו דערמאָנען וועגן דעם, אַז מײַן באָבע זכרונה־לבֿרכה האָט אויף אַ געוויסן עטאַפּ פֿון איר לעבן, היטנדיק ייִדישע רעליגיעזע מנהגים, גאָר ניט געשטערט מײַן מאַמען פֿאַרבן אייער, און נאָך מער – זי האָט אַליין זיי געפֿאַרבט.

און אָט איין מאָל, דעם נײַנטן אַפּריל אין דער פֿרי קומט מײַן מאַמע כּדי באַגריסן מײַן זון מיט זײַן געבורטסטאָג און צוזאַמען מיט מתּנות דעם אייניקל ברענגט זי אַ פּאַקעט מיט געפֿאַרבטע אייער. די קינדער פּישטשען פֿון התלהבֿות, צעכאַפּן די "קראַשענקעס" ווי אויסטערלישע שפּילעכלעך, און איך, דערלעבט ביז דרײַסיק יאָר, האָב זיך טאַקע דערטראַכט פֿרעגן, פֿונוואַנען איז בײַ דער מאַמען אָט די געוווינהייט, און איך האָב באַקומען אַן ענטפֿער, וואָס האָט געדינט ווי אַ תּירוץ פֿאַר אָט דער דערציילונג. מײַן באָבען עספּיר מאָיִסייעוונע גערשטיין האָבן אין ביראַקאַן געקענט אַלע. וועגן איר עקזיסטענץ, מיין איך, איז געווען אוממעגלעך ניט וויסן צוליב איר דונערדיק קול און איר מײַסטערשאַפֿט פֿון אַ שנײַדערין פֿון דער אַלטער שקאָלע. מע האָט געקענט אין ביראַקאַן אויך מײַן זיידן יאַקאָוו חיימאָוויטש, אָבער די באָבע האָט מען פֿאָרט געקענט מער.

## געפֿאַרבטע אייער

כ׳וואָלט געווען אַ ניט־איבערגעשפּיצטער מענטש, ווען איך וואָלט פּלוצעם חושד געווען מײַן מאַמע ריווע יאַקאָווליעוונע, אַן אַלטע קאָמוניסטקע, אין רעליגיעזקייט. אָבער איך האַלט זיך ניט פֿאַר אַ ניט־איבערגעשפּיצטן מענטשן, הגם איך האָב מיט מײַנע אייגענע אויגן געזען, ווי די מאַמע פֿאַרבט אייער ערבֿ דער פּראַוואָסלאַווער פּאַסכע. וואָס פֿאַר אַ שייכות האָט די רוסישע פּאַסכע צו מײַן ייִדישער מאַמען, האָב איך ניט פֿאַרשטאַנען כאָטש הרגע מיך אַוועק. פֿאַרוואָס אייגנטלעך – געפֿאַרבטע אייער און ניט מצות? ווען ס׳האָט נאָך געלעבט מײַן באָבע, פֿלעג זי ברענגען מצות פֿון שיל, און מיר אַלע פֿלעגן זיי עסן מיט יויך, און די מאַמע אויך. די באָבע האָט אויפֿגעהערט גיין אין שיל, דערנאָך איז זי געשטאָרבן, און

סך לייענער דערפֿילן די אוניקאַלע לעבנס־פּראָזע פֿון דער ייִדישער אויטאָנאָמער געגנט, ווי עס האָבן מיר אַמאָל דערמעגלעכט עס טאָן העשל ראַבינקאָווס דערציילונגען.

און נאָך — די ביראָבידזשאַנער ליטעראַטור האָט זיך אָנגעהויבן אויף ייִדיש און האָט זיך פֿאָרגעזעצט אויף רוסיש. אינעם באַהעפֿטן אָט די צוויי לשונות אין איין בוך פֿונעם סאַמע ביראָבידזשאַנער לויט מײַן מיינונג הײַנטצײַטיקן שרײַבער זע איך עפּעס סימבאָליש. ווי מע זאָגט אין ישׂראל, „סגירת מעגל“ — „קרײַז־פֿאַרשליסונג“.

**וועלוול טשערנין**

מיר אין אַ געוויסן זין אַ המשך פֿון העשל ראַבינקאָווס דערציילונגען. זיי דערציילן וועגן דעם, וואָס איז געווען ווײַטער. דערציילן אומבאַצוימט, אָן דער פּראַקטיש אומפֿאַרמײַדלעכער פֿאַר אַ סאָוועטישן שרײַבער — ניט וויכטיק אַ ייִדישן צי ניט־ייִדישן — זעלבסט־צענזור.

אגבֿ, וועגן די ייִדישע שרײַבער. אלכּסנדר דראַבקין שרײַבט זײַנע דערציילונגען אויף רוסיש, אויף דער שפּראַך, וועלכע איז שוין פֿון לאַנג געוואָרן די הויפּט־שפּראַך פֿונעם טאָגטעגלעכן לעבן און פֿון דער קולטור אין דער ייִדישער אויטאָנאָמער געגנט. דערבײַ פֿון מײַן שטאַנדפּונקט איז ער אַ ייִדישער שרײַבער. און צי דען קאָן זײַן אַנדערש אַ שרײַבער, וועמענס גאַנצע לעבן און שאַפֿונג זײַנען פֿאַרבונדן מיט דער ייִדישער אויטאָנאָמער געגנט? אלכּסנדר דראַבקין איז גאָר ניט פֿרעמד דער ייִדישער שפּראַך. אָט די שפּראַך הערט זיך שטענדיק אין זײַנע אָנגעשריבענע אויף רוסיש ווערק. דערפֿאַר האָט דאָס איבערזעצן זײַנע דערציילונגען אין ייִדיש פֿאַרשאַפֿט מיר פֿרייד.

די דאָזיקע דערציילונגען זײַנען פֿאַרעפֿנטלעכט געוואָרן אויף ייִדיש אין פֿאַרשיידענע פּעריאָדישע אויסגאַבעס — אין "ביראָבידזשאַנער שטערן", אין אַלמאַנאַך "ביראָבידזשאַן", אין תּל־אָבֿיבֿער זשורנאַל "ייִדישלאַנד". איך האָף, אַז געזאַמלטע אונטער איין הילע וועלן זיי דערמעגלעכן אַ

אין דער צווייטער העלפֿט פֿון די 80ער יאָרן, בשעת ער איז געווען אַ רעדאַקציע־מיטאַרבעטער פֿון ″ביראָבידזשאַנער שטערן“, און גענומען אַן אַקטיוון אָנטייל אינעם שאַפֿן אומאָפּהענגיקע פּרעסע אין ביראָבידזשאַן. אין אונטערשייד פֿון אַ סך אַנדערע פֿאָרשטייער פֿון דער ביראָבידזשאַנער שעפֿערישער אינטעליגענץ איז ער ניט אַוועקגעפֿאָרן פֿון דער ייִדישער אויטאָנאָמער געגנט, הגם אויך ער האָט נאַטירלעך ניט איין מאָל באַזוכט אין ישׂראל. ביראָבידזשאַן איז ניט געוואָרן פֿאַר אים בלויז אַ שורה, אַ מין אויסטערלישער שטריך אין ביאָגראַפֿיע. ביראָבידזשאַן דאָס איז זײַן לעבן, זײַן גורל, זײַן ליבע. אויב אָן פּאַטעטיק, איז ביראָבידזשאַן פֿאַר אים אַלץ. איך גלייב אויף אַלע הונדערט פּראָצענט דעם טיטל פֿון דער אַרויסגעגעבענער אין 2018 זאַמלונג אלכּסנדר דראַבקינס פּראָזע — ″זינגלידער פֿון מײַנע גאַסן“. דאָס זײַנען זײַנע גאַסן, און זײַנע פּראָזע־ווערק זײַנען לידער.

אין דער יוגנט האָב איך מיט אַ גרויסן אינטערעס געלייענט העשל ראַבינקאָווס דערציילונגען — אויף ייִדיש און אין רוסישע איבערזעצונגען. זיי האָבן מיר אַמאָל דערמעגלעכט זיך צורירן צו דער עכטער טאָגטעגלעכקייט, צו דער לעבנס־פּראָזע פֿון דער ייִדישער אויטאָנאָמער געגנט. אלכּסנדר דראַבקינס דערציילונגען זײַנען פֿאַר

אָפּיציאָז, וועלכער פֿלעג צומאָל זיך דערמאָנען וועגן דער ייִדישער אויטאָנאָמער געגנט צוליב זײַנע לחלוטין פּראָפּאַגאַנדיסטישע צילן. אין בירָאָבידזשאַן איז געוואַקסן אַ דור פֿון מענטשן, פֿאַר וועלכע ער איז געווען אָן שום פּאַטאָס און אָן שום פּראָפּאַגאַנדע דאָס היימלאַנד, סתּם ווײַל זיי זײַנען געבוירן געוואָרן אין אים, אויסגעוואַקסן אין אים און האָבן אים ליב געהאַט. און זיי האָבן פֿאָרגעזעצט און זעצן פֿאָר שאַפֿן די בירָאָבידזשאַנער ליטעראַטור.

בירָאָבידזשאַן און זײַנע שריפֿטשטעלער געפֿינען זיך ניט אוודאי אין אַן איזאָלאַציע פֿון דער אויסערלעכער וועלט. זיי זײַנען אַ טייל פֿון רוסלאַנד, אַ טייל פֿונעם רוסלענדישן ווײַטן מיזרח און, אַנטשפּרעכיק, אַ טייל פֿון זייער ליטעראַטור. דערבײַ, ווי אַ פּועל־יוצא פֿון אוניקאַלקייט פֿון דער געשיכטע און פֿון עטנאָ־קולטורעלן בעקגראַונד פֿון בירָאָבידזשאַן, זײַנען זיי גאַנץ ענג פֿאַרבונדן מיט ישׂראל, וווּ עס ווױנען אַ סך טויזנטער געוועזענע בירָאָבידזשאַנער און וווּ עס האָבן פֿאָרגעזעצט זייער שאַפֿונג ניט ווייניק ליטעראַטן, וועלכע האָבן אָנגעהויבן זייער שעפֿערישן וועג אין בירָאָבידזשאַן.

אַזאַ איז אין אַלגעמיינע שטריכן דער הינטערפּאָן, אויף וועלכן עס זײַנען געשאַפֿן געוואָרן דערציילונגען פֿון אלכּסנדר דראַבקין, וועלכער האָט אָנגעהויבן שרײַבן פּראָזע

נײַעם דור, װעלכע זײַנען אױסגעװאַקסן אין ביראָבידזשאַן און האָבן שױן ניט געטרױמט װעגן דער "טײַגע, װאָס אױף ייִדיש רעדט, פֿון טײַכן, װאָס אױף ייִדיש שומען". צװישן זײ זײַנען געװען ייִדן (למשל, לעאָניד שקאָלניק), האַלבע ייִדן (למשל, אַנאַטאָלי קאָבענקאָװ) און ניט־ייִדן (למשל, װיקטאָר סאַלאָמאַטאָװ), נאָר זײ אַלע זײַנען געװען ביראָבידזשאַנער.

די גרױסע ייִדישע װעלט האָט אָנגעהױבן פֿאַרגעסן װעגן ביראָבידזשאַן. בלױז די צײַטונג "ביראָבידזשאַנער שטערן", בײַ װעלכער עס זײַנען געבליבן אַלץ װײניקער לייענער, האָט דערטראָגן ביז איר אױף ייִדיש די בשׂורה װעגן דעם, אַז די ייִדישע אױטאָנאָמע געגנט עקזיסטירט נאָך. װאָס איז שײך צו דער גרױסער רוסישער ליטעראַטור, האָט זי בכלל ניט באַמערקט ביראָבידזשאַן. זי האָט זיך פּראַקטיש אפֿילו ניט דערמאָנט װעגן דעם, אַז דער באַרימטער אינעם גאַנצן סאָװעטנפֿאַרבאַנד עמנואל קאַזאַקעװיטש איז אַמאָל געװען אַ ביראָבידזשאַנער.

און ביראָבידזשאַן האָט געלעבט מיט זײַן טאָגטעגלעך פּראָזאַיִש לעבן, װאָס איז װײַט געװען סײַ פֿון דעם אױפֿריכטיקן פּאַטאָס פֿונעם דערװערבן היימלאַנד, װעלכער איז געװען כאַראַקטעריסטיש פֿאַר זײַנע ערשטע בױער אין די 30ער יאָרן, סײַ פֿונעם ליגנערישן סאָװעטישן

ערשטע אַרויסגעגעבענע אין ביראָבידזשאַן בוך, די ערשטע זאַמלונג פֿון עמנואל קאַזאַקעוויטשעס לידער האָט געהייסן "ביראָבידזשאַנבוי". אין סאַמע סוף 30ער יאָרן האָט ער געשאַפֿן אויך אַ מין ביראָבידזשאַנער עפּאָס, דעם אַרויסגעגעבענען אין 1941 שוין אין מאָסקווע ראָמאַן אין פֿערזן (און ווי זשע האָט געקאָנט זײַן אַנדערש?!) "שלום און חווה". אין מויל אַרײַן איינעם פֿון די העלדן פֿון דעם דאָזיקן ראָמאַן האָט דער ביראָבידזשאַנער ייִדישער פּאָעט, וועלכער איז געוואָרן אַ קלאַסיקער פֿון דער סאָוועטישער רוסישער פּראָזע, אַרײַנגעלייגט די טרויעריקע ווערטער: "איז סוף צו יענע שיינע טרוימען // פֿון טײַגע, וואָס אויף ייִדיש רעדט,// פֿון טײַכן, וואָס אויף ייִדיש שוימען".

ווײַטער האָט זיך אָנגעהויבן אַ הוילע פּראָזע. אײַנגעשלאָסן יענע, וואָס איז אָנגעשריבן געווען מיט גראַמען...

אין די 60ער יאָרן האָט אָנגעהויבן זיך פֿאָרמירן אַ רוסיש־שפּראַכיקע ביראָבידזשאַנער ליטעראַטור. איינער פֿון אירע גרונטלייגער איז געווען דער פּראָזאַיִקער ראָמאַן שויכעט, וועלכער האָט פֿרײַ געקענט ייִדיש און דערפֿאַר  איז געוואָרן אַ מין פֿאַרבינדונגס־רינג צווישן די ביראָבידזשאַנער שרײַבער פֿונעם עלטערן דור, וועלכע האָבן פֿאָרגעזעצט שאַפֿן אויף ייִדיש, און די שרײַבער פֿונעם

# אַלכּסנדר דראַבקין אין קאָנטעקסט
# פֿון ביראָבידזשאַנער פּראָזע

די געשיכטע פֿון דער ביראָבידזשאַנער ליטעראַטור האָט זיך אָנגעהויבן פּראַקטיש איינציַיטיק מיט דער געשיכטע פֿון ביראָבידזשאַן אַליין, פֿון דער פֿאַרעפֿנטלעכטער אין 1929 זאַמלונג ריַיזע־נאָטיצן פֿון מאיר אַלבערטאָן, וועלכער איז געקומען אויף דער סטאַנציע טיכאָנקע מיטן ערשטן עשעלאָן פֿון יִידישע איבערוואַנדערער. במשך פֿון איר ערשטן יאָרצענדליק איז די גאַנצע ביראָבידזשאַנער ליטעראַטור געווען פּאָעזיע. ממש די גאַנצע, איַינגעשלאָסן פּראָזע. בויען אַ ניַי יִידיש לאַנד, דערוועקן הײמלאַנד פֿאַרן יִידישן פֿאָלק איז דער הויכער לייטמאָטיוו פֿון דער ביראָבידזשאַנער — פּראַקטיש פֿולקום יִידיש־שפּראַכיקער ליטעראַטור אין די 30ער יאָרן. ניט צופֿעליק האָט דאָס

# אינהאַלט

**וועלוול טשערנין.**
"אַלכּסנדר דראַבקין אין
קאָנטעקסט פֿון ביראָבידזשאַנער פּראָזע" ........................ 4

**דערציילונגען**

געפּאַרבטע אייער ........................................ 11
אַמאָל זייער לאַנג צוריק ................................ 22
וווּהין די נאַכט, אַהין דער חלום ......................... 30
אַן עמיגראַנטישע נאָוועלע .............................. 38
אַ קאַטאָוועס־טרײַבער .................................... 50
אַלץ אויפֿן ייִדישן אופֿן ................................... 58
דער זיידע מאיר........................................... 66
די ייִדישע בריגאַדע ....................................... 75
ווי מע האָט געבראַכט צו קבֿורה אַ שרײַבער ................. 84
אָט דאָס לעבן... אַ רוח אין זײַן טאַטן אַרײַן ............... 91

אַלכּסנדר דראַבקין

# אָך, ייִדן, ייִדן

## ביראָבידזשאַנער דערציילונגען

**ייִדיש** — וועלוול טשערנין

**דיזײַן** — טאַטיאַנאַ איסטאָמאָנאַ

**קינסטלער** — וולאַדיסלאַוו צאַפּ

אלכּסנדר דראַבקין

# אָך, ייִדן, ייִדן

ביראָבידזשאַנער דערציילונגען

ביראָבידזשאַן
2022